STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06516

IDN UN IDISHKAYT IN AMERIKE

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

אידן און אידישקייט אין אמעריקע

ארויסגעגעבן פון וו. קעלער, וויניפעג
דעם מחבר — א מתנה
די גאנצע הכנסה פון דער בראָשור איז באשטימט לטובת
א פאָנד פאר א זשורנאל פון אידישן אומאָפהענגיקן קולטור געדאנק

וויניפעג, 1940

דרוק "דאָס אידישע וואָרט"

צוליב דריי זאכן זיינען אונדזערע עלטערן
אויסגעלייזט געווארן פון מצרים:
ווייל זיי האָבן ניט געענדערט זייערע נעמען,
זייער שפראך און זייערע אייגנטימלעכקייטן.
אגדה.

א וואָרט צום לייענער

פריינד האבן מיך געוואָרנט: „אייער שרייבן איז ניט צוגעפאסט פאר אמעריקע. אמעריקאנער אידיש־לייענער האבן ליב א שארף וואָרט, אבער „מוסר“ און אזוי פיל מוסר, — דאס ניט“. „ווער קען דאס האבן א גייסטיקן פארגעניגן פון אזויפיל מוסר?“... „איר מוזט זיך צופאסן צו אונדזער אמעריקאנער געשמאק“... אא״וו.

דערלויב איך זיך דא עפעס אויפצוקלערן: איך שרייב ניט כדי עמיצן צו פארשאפן א וואסער עס איז פארגעניגן. און זאלן די וואס זוכן אין לייענען צו פארווײלן זיך, בעסער מיין שרייבן ניט לייענען. דאס שרייבן און דאס לייענען צום פארווײלן זיך איז אין פרינציפ ניט אנדערש ווי דאס קויפן און פארקויפן א שעה פארגעניגן ביי א גלעזל ביר, ביי א קארטן־טישל, ביי א דזשאז־קאבארע אדער ביי א מענטשן וואס פארקויפט שעהנווייז „פאר אייער פארגעניגן“ זיין גוף, זיין נשמה, זיין מויל, זיין פען...

אין שרייבן, ווי איך פארשטיי עס, איז פאראן א ווילן אויסצופארמולירן געדאנקען וואס מאטערן די נשמה, איז פאראן א שטרעבונג צו שאפן א וועלט־באנעם, איז פאראן א ווילן קלאר צו מאכן זיך די וועגן פון לעבן פארן כלל און פארן יחיד. גוט אדער שלעכט, ריכטיק אדער ניט, — אבער א שטרעבונג צו דעם מוז זיין. זאלן מיין שרייבן לייענען די וואס זוכן צו געפינען אט דאס אין געשריבענעם וואָרט. פאר זיי וועט דער „מוסר“ זיין ניט קיין מוסר, נאר אן אויפדעקן וואונדן, וואס מוזן געהיילט ווערן.

פאראן אין תנ״ך א מעשה: מען האט געדארפט גיין ראטעווען דאס פאלק. געקומען זיינען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. האט מען פון זיי אפגעקליבן געציילטע דריי הונדערט, די, וואס קענען זיך מאכן אביסעלע אומבאקוועם צוליב א פרינציפ, די וואס זוכן ניט דאס אנגענעמערע... די וואס טראכטן וועגן גורל פון אידישן לעבן וועלן מוזן קומען צו דעם אפקלייב. זאלן די פארווײלונג־זוכער זוכן זייער באדארף וואו זיי ווילן. זאלן בלייבן די ווינציקע, די געציילטע, וואס פאר זיי איז אידיש וואָרט ניט קיין פארווײלונג, נאר דאס לעבן און די זארג פארן לעבן. זאלן זייער צאל זיין ווי קנאפ. „מיט די דריי הונדערט וועט איר געראטעוועט ווערן“.

מען האט מיר ווידער געזאגט: איר זייט צו ווייניק באקאנט מיטן אידישן לעבן אין אמעריקע. איר האט ניט גענומען אין אכט די פאקטישע און אביעקטיווע לעבנס־באדינגונגען, די אביעקטיווע דרויסנדיקע פאקטארן... אט די זינד נעם איך אויף זיך. מען האט ביי אונדז צופיל אכט געלייגט אויף די דרויסנדיקע פאקטארן און באדינגונגען און כמעט גאר קיין אכט ניט געלייגט אויף די אינעווייניקסטע סאציאל־פסיכאלאגישע אייגנשאפטן פון פאלק, וואס געפינט זיך אין די דרויסנדיקע, סאציאלע, עקאנאמישע אא״וו באדינגונגען. און זיי, די אינעווייניקסטע פאקטארן, ניט די דרויסנדיקע, זיינען די מאסגיביקע. דווקא זיי.

די ביאָלאָגיע ווייס היינט, אז ניט די דרויסנדיקע לעבנס באדינגונגען, די אזוי גערופענע פענאָטיפּישע פאַקטאָרן בילדן אויס דאָס בלייבנדיקע געשטאַלט פון באַשעפעניש, נאָר דווקא די אינעווענינקסטע, אָרגאַנישע, גערשנטע גענאָטיפּישע אייגנשאַפטן, זיי נוצן אויס די דרויסנדיקע פאַקטאָרן אין זייער ריכטונג. אין זעלביקן וואַסער לעבן העכט און קאַרפּן, מושלען און אינסעקטן, און יעטווידער נוצט אויס די זעלביקע פאַקטאָרן אַנדערש, לויט זיינע געירשנטע אייגנשאַפטן, לויט זיין איינגעבאָרענער נאַטור. אין זעלביקן אָרט וואַקסט ווייץ און ווילדע קרייטעכער, ביידע אַנדערש, ביידע נוצן אויס די זעלבע פאַקטאָרן און ביידע קלייבן אָפּ דאָס וואָס פּאַסט צו זייער נאַטור. ניט אַנדערש איז דאָס אויך אין דעם סאָציאַלן לעבן פון מענטשן און פעלקער. אין זעלביקן לאַנד מיט די זעלביקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן לעבן פאַרשיידענע פעלקער. אויבנאויפיק, "פענאָלאָגיש" קענען זיי אויסזען ענלעך. אָבער איך גאַנג פון דורות ווערן אַלץ בולטער און בולטער די ספּעציפישע איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן פון יעטווידער פאָלק באַזונדער און זיי פירן דאָס לעבן פון פאָלק און זיין גורל אין זייער ריכטונג. איז דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע "פענאָלאָגיש" אַמעריקאַניש, אָבער "גענאָלאָגיש" איז דאָס אַן איבערחזורונג פון ספּעציפישן אידישן לעבן, דער אַלטער אינהאַלט אין נייע פאָרמעס. אָט דאָס גיט די מעגלעכקייטן אויך אַ נייעם מענטשן אין אַמעריקע, וואָס איז אָבער ניט ניי אין אידישע פּראָבלעמען זיך צו אָריענטירן און באַגרייפן די טענדענצן פון אידישן לעבן. צומאָל נאָך טיפער ווי די וואָס קוקן בלויז "פענאָלאָגיש". צי איז דאָס מיר אין אָט דער אַרבעט געלונגען ? — דאָס ווייס איך ניט.

אויב עס וועלן זיין אפילו געציילטע לייענער, וואָס די אַרבעט וועט ביי זיי אויפוועקן געדאַנקען, זאָרג פאַר אידישן מאָרגן, אַ פאַרלאַנג עפּעס צו טאָן אין דער ריכטונג, וועט דער שרייבער זיין באַפרידיקט. ווערטער, וואָס פירן ניט צו מעשים זיינען "דברים בטלים". צי וועלן מיינע ווערטער זוכה זיין אַרויסצורופן מעשים ? — הלוואי.

פראַגמענטן פון דער אַרבעט זיינען געווען געדרוקט אין "אידישן קעמפער" פון 13טן און 27טן אָקטאָבער, 1939. גאַנצערהייט — אין "דאָס אידישע וואָרט", וויניפּעג, אַפּריל־מאַי, 1940.

לכתחילה האָט די אַרבעט געזאָלט קומען ווי אַ צוגאָב צו אַ פריערדיקער, גרעסערער און אַלגעמיינער אַרבעט "אידן און אידישקייט". איז אָבער יענע אַרבעט מיינע געבליבן ליגן אין אַ ווילנער פּריוואַטן פאַרלאַג, ניט אַהער — ניט אַהין.

צוליב טעכנישע סיבות איז דאָ די אָרטאָגראַפיע ניט די וואָס איז אָנגענומען אין ייוואָ און וואָס איך האַלט זי פאַר ריכטיק.

וויניפּעג, מאַי, 1940.

— 1 —

די טראַגעדיע חזרט זיך איבער

גענוים וועלן א סך מיינען אז דאָ איז קעפל איז פאַראַן א טעות: אויב "טראַגעדיע" טאָר עס ניט קאָמבינירט ווערן מיט "אידן אין אמעריקע". עס זיינען דאָ גענוג אידישע קבוצים, וואָס זייער טראַגעדיע איז פאַר אַלעמען קלאָר — דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכיע פּוילן . . . קנאַפּ טראַגעדיעס האָבן מיר, וואָס מיר דאַרפן נאָך צונויפקאָמבינירן "טראַגעדיע" מיט "אַמעריקאַנער אידנטום"? איז דאָך דאָ אין אמעריקע דער שטאַרקסטער, דער גרעסטער, דער וואַגיקסטער אידישער קבוץ אויף דער וועלט. איז ער דאָך די שטיצע און אַנלען פאַר אַלע אַנדערע אידישע קיבוצים, צו אים ציען זיך די הענט און בעטנדיקע אויגן פון אַלע אידן פון דער גאַרער וועלט נאָך הילף, נאָך שטיצע. — טאָ צו וואָס שרעקן מיט טראַגישקייט אוןריידן טרויעריקע רייד, כל־זמן עס איז נאָך גאָרניט טרויעריק? צוליב וואָס און מיט וואָסערע רעכט?

אָבער יעטווידע טראַגעדיע האָט א פּראָלאָג און עפּילאָג — אַן אָנהויב און א סוף און כמעט אַלעמאָל גייען אַרום די העלדן פון דער טראַגעדיע בשעתן פּראָלאָג רואיקע און גליקלעכע, ניט ווייסנדיק, ניט פילנדיק, אַז אָט־אָט יאָגן זיך אָן טראַגישע סיטואַציעס, אַז אָט שטייט די טראַגעדיע הינטער זייער טיר. יעטווידע טראַגעדיע וואַקסט אָן און דאָס ערגסטע איז וואָס מיר דערזען זי ניט, מיר שפּירן זי ניט באַצייטנס.

און אָט אַזוי איז דער גאַנג פון דער היסטאָרישער טראַגעדיע וואָס חזרט זיך שוין אַזויפיל מאָל איבער, וואָס מיר "שפּילן" זי שוין דאָס ווייפלטע מאָל אין אונדזער געשיכטע, און יעטווידער מאָל שפּילן מיר ניט קיין צוגעגרייטע.

אין פּראָלאָג — ליכטיקע האָפענונגען און פריידיקייט, א שמחה און גדולה — אָט באַלד־באַלד וועלן מיר פּטור ווערן פון אידישע צרות צוזאַמען מיט דער סיבה פון אידישע צרות. און עס קומט דער ערשטער אקט — אויסראָטונג פון אידישקייט כדי פּטור צו ווערן פון צרות. דעמאָלט קומט דער צווייטער אקט — אָן אידישקייט הערט אויף דאָס אידנטום צו זיין אַן אַקטיווער קאָלעקטיוו מיט א קאָלעקטיווען כח, ווערן צעשטויבטע צעאיינצלטע אידן אפילו ווען מיליאָנען, ווערן זיי אַן אָביעקט צום יאָגן און צו טרייבן ווי א גרינגער שטויב דורכן ווינט. ערשט איצט, אין דעם דריטן אקט שוין, באַמערקן אידן די טראַגעדיע און דער פריילעכער מאַזשאָר גייט אַריבער אין א היסטערישן "איכה"־קלאָג. און אין עפּילאָג קלינגט אונדזער אַלטע, אַלטע צדקה־פּושקע "צדקה תציל ממות", עס גייט אַרוים אויף דער סצענע די אייביק אַלטע און תמיד נייע אידישע טאַרבע, און פון אַלע ווינקעלעך קלינגט דאָס פּאַסקודנע לידל: "גיט די טויטע אויף תכריכים, גיט די לעבעדיקע ברויט!" און אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט לויפן אַרום, ניט קיין ליידנדיק פאָלק, ניט א פאָלק אין פּיין — נאָר געסמטע, גיעאָגטע און צעשראָקענע פערזאָנען, אָט ווי יענע קליינע חיהלעך. לויפט מען, נישטערט מען וואו א לאָך, וואו א שטיל ווינקעלע כדי אָנהויבן די שפּיל פון דאָס ניי, פון פריילעכן פּראָלאָג.

לויפט מען, קלאָגט מען נאָך דעם פּלייש־טאָפּ, בענקט מען נאָכן צווייטן אקט, איז דער אומגליק גרעסער וואָס מען מוז זיין א איד, זוכט מען פּטור צו ווערן ניט פון די אידישע צרות, נאָר פון אידישקייט . . . און אָן אידישקייט איז ניטאָ קיין אידנטום און אָן אידנטום איז דער איד ניט זיכער מיט זיין לעבן, מיט זיין מאָרגן, מיט זיין היינט . . . דרייט זיך דאָס רעדעלע ווידער פון אָנהויב, חזרט זיך די אייביקע טראַגעדיע איבער פון דאָס ניי

ווי א פילם־באנד ווידער און ווידער פון אָנהויב. צי מיט היטלער, צי אָן היטלער די אידישע טראַגעדיע איז ניט פון אים געשאפן געוואָרן. ער איז בלויז דער ווינט וואָס ווארפט אום דעם בוים, וואָס איז אינוועניק — דורכגעפוילט.

זיינען אין אייראָפּע איצט אין פייער צוויי אידנטומס (ניט די פּאָליטישע גרעניצן פון מדינות מיין איך דאָ). האָט איינס אין זיין לעבן זיך אָנגעשטרענגט צו בויען און שאפן, צו פארזיכערן זיין אידישקייט. איז וואָס עס וועט זיין דער גורל פון אָט דעם שעפערישן אידנטום, — יורשים־קיבוצים האָט עס געשאפן, יורשים צו וועמען זיך ווענדן, יורשים וועמען איבערצוגעבן דעם גורל פון וויטערדיקן לעבן "און שטארבנדיק, דאָס האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט צו לעבן, צו לעבן ביז אויף אייביק".

(ביאליק — י. י. שוואַרץ).

און דאָס צווייטע אידנטום? דאָס רייכע און פרייע, דאָס געבילדעטע, הויך קולטורעלע און עמאַנציפירטע, — אָט דאָס אידנטום האָט דורכגעמאכט אַלע אקטן פון שפּיל. די טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם פריידיקן פראַלאָג פון עמאַנסיפּאציע און, אָ, גאָט, ווי גוט. מיט אידישע סאַלאָנען און גליקלעכע געמישטע שידוכים און פאפירענע גלייכע רעכט. האָט אויך דאָס אידנטום געשאפן, אַלץ געבויט בריקן צו אנטלויפן פון אידישקייט, פון אידן, פון "געטאָ", אַלץ געשמידט די טרעפּ צום "גלאַנציקן פּאַלאַץ" פון דער הערשנדיקער נאַציע, צו דער קולטור פון "וועלט פאָלק". האָט מען הונדערט פופציק יאָר טאַנצנדיק און זינגענדיק זיך געטראָגן מיט פרייד, ווי פלאַטערלעך צום פלאַם, פון דער "געטאָ" אין דער "גרויסער וועלט" אריין, פון "קליינעם, אָרימען אידישן געסעלע" אין "רייכן און שיינעם גרויסאַרטיקן לעבן" אריין.

און איצט שטייען זיי נאַקעטע און איינזאַמע אָן אידישקייט, וואָס זיי האָבן אוועקגעשליידערט, אָן פרעמדער קולטור, פון וואַנען מען האָט זיי ארויסגעשליידערט, באַשפּיגענע און באַטריבענע, אָן אייגנס און אָן פרעמדס, אָן א גאָט אין הארצן אין וועמען צו גלויבן, אָן א פריץ צו וועמען צו דינען. קאָנען זיי אפילו קיין "שפוך חמתך" ניט זאָגן, ניט אויסשילטן זיך פון גאַנצן הארצן. האָבן זיי קיין אידישקייט ביז איצט ניט געשאפן, קאָנען זיי איצט בלויז זוכן ערגעץ א פריץ, וואָס וועט נאָך לאָזן אָפּשמדן זיך צי מיט א גלח צי אָן א גלח. דאָס אַלץ, וואָס עס איז פארבליבן פון אמאָל, אין פראַלאָג, אַזוי גליקלעכן אידנטום. און פארוואָס? — ווייל א אידנטום, א אידישער קיבוץ אָן אקטיווער א י ד י ש ק י י ט איז א געשטאָרבענער. זאָלן טויטע עפּעס קאָנען שאפן? א טויטער אידישער קיבוץ, א בר־מינן אויסגעפּוצט אין "קולטור קליידער". זיינען געבליבן לעבן אידן — לעבעדיקע מצבות פון א טויטער אידישקייט. דאָס גאָר.

און אויף וואָסערן פון די צוויי וועגן ליגט דער גורל פון אַמעריקאַנער אידנטום? אין וועלכן אקט פון דער אייביקער טראַגעדיע האַלט מיר איצטער? לאָמיר זען!

— 2 —

פריילעכקייט אָן פרייד

נאָך אויף יענער זייט ים ווען איך בין געווען, פלעגט זיך מיר שטעלן א פראַגע: עם קומען אָפט אמעריקאַנער קיין ארץ־ישראל, קיין ווילנע אָנשעפּן אביסל מוט, גייסטיקע ענערגיע. עפּעס א קנאה, פלעג איך זען, ברענט אין זייערע אויגן. זיי, די אמעריקאַנער, פרייע און רייכע אידן זיינען בפירוש מקנא די אָרימע, די געדריקטע, די גערודפטע אידן פון א ווילנע. פלעג איך ניט פארשטיין! ווער און וואָס לאָזט ניט זיי אָט די גוטע, הארציקע אמעריקאַנער

אידן אנטוויקלען און פאנאנדערבויען א אידישקייט רייכער און טיפער און שענער ? איז די מוט, די עקשנות בלויז מעגלעך, וואו מען דריקט, וואו מען פלאגט ? פלעגן די אמעריקאנער געסט שלינגען מיט לייכטנדיקע אויגן די דערשיינונגען פון אידישן קולטור לעבן. פלעגט מען ביי זיי בעטן — "דער־ציילט ווי איר אין אמעריקע לעבט דארטן", — פלעגט א וואלקן אויף זיי אראפגיין. פלעג איך עס ניט פארשטיין. ביז איך אריבערגעפארן דעם אט־לאנטיק, געזען א שטיקעלע פון אמעריקע און — איך האב פארשטאנען דעם "פירוש" אויף פרצעס א מעשה.

פאראן ביי פרצן א פאלקסטימלעכע געשיכטע "דער בעל שם פירט אויס א שידוך". דער דייטשישער אידישער בעל צדקה דער גוטהארציקער איד איז רייך, אבער אין טיפן אייביקן אומעט, ער און זיין משפחה: דאס קינד זייערס, די טאכטער קאן קיין שידוך ניט טאן און קיין גלויבן אין גוטע אידישקייט איז אויך ניטא . . . בלויז טרויער, עצבות. ביז דער ארימער גייער, דער גלות אפריכטער, וואס האט זיין רייכקייט אוועקגעגעבן פאר א קינד, פאר א המשך, פאר א יורש פון אידישקייט (ניט פון זיין געלט!), וואס גייט איבער דער וועלט מיט דעם טיפן גלויבן אין "זיין ליבן נאמען" — ביז אט דער ארימאן ברענגט דעם רייכן א טרייסט, א גלויבן און אן אויס־לייזונג. — איך האב קיינמאל ניט געוואוסט דעם טיפערן זינען פון דער מעשה: פרצעס א מעשה אן א טיפער אידייע . . . דא, צווישן די אמעריקאנער אידן האב איך פארשטאנען די מעשה.

אמעריקאנער אידן זוכן זיך צו פארוויילן. זיי זיצן אין עצבות. עס קומט א רעדנער, דארף ער פארוויילן, פריילעך מאכן, פארשאפן "גייסטיקן פארגעניגן" (אזא ספעציעלער טערמין). ווילט איר עפעס שאפן, מוזט איר צוגרייטן א פראגראם, א טיי, עפעס געשמאקערס פון טיי. איר דארפט פארוויילן. שולן דארפן פון זייער קנאפער צייט אפרייסן אויף קאנצערטן. קומט צו פארוויילן א שרייבער, מאכט מען א קבלת פנים, — טא זאל ער ניט ריידן קיין סך, זאל מען פון אים ניט פארלייענען קיין סך. זאל זיין א "פראגראם" — א גרינגער, פארוויילנדיקער מאטעריאל. ערשטער מאי — דארף מען א פארוויילונג. און אין וויניקער אינטעליגענטע שיכטן איז — טענץ און קארטן. ניט קיין עבירה צו טאנצן, קארטן זיינען ניט טריף. אבער ווען עס ווערט אן אינהאלט אין לעבן דעמאלט איז שוין אנדערש: ווייןצום סדר איז א מצווה, — שכרות איז — אן אומגליק. א לעבן פארוויילן זיך מיט טענץ און קארטן — דא איז שוין פאראן טראגישעם.

עפעס איז אין אמעריקע ביי די אידן פאראן א קולט פון פארוויילן. זיי דארפן זיך פארוויילן, מען דארף זיי אמוזירן, אלץ וואס מען טוט דארף פארוויילן. פון קארטן ביז גרויסע נאציאנאלע ארבעטן — אלץ דארף פארוויילן אזוי אדער אנדערש. אט דער קולט נעמט זיך פון טיפער, טיפער גייסטיקער אומעטיקייט. עס פעלט אין לעבן פריידיקייט, דארף מען עס מאכן. עס איז ניטא קיין ארגאנישע פרייד, מוז מען ברענגען געקינסטלטע, געמאכטע פרייעלעכקייט.

איך בין אנומלט געווען אויף א פארוויילונג אין א פריוואטן הויז. לעבן מיר איז געזעסן א פרוי און האט מיר דערציילט אירע צרות און שוועריקייטן, וואס זי האט מיט אירע צוויי קינדער. און אין צימער האבן צוויי עלטערע מיידלעך זיך פריילעך געמאכט, מיט אלעמען געטרונקען, גע־זונגען, געטאנצט, געלאכט אויפן קול, פארקלונגען דאס הויז. און איך האב געטראכט: ווי גליקלעך וואלטן די צוויי מיידלעך געווען ווען זיי קאנען פאר־ביטן זייער פרייעלעכקייט, זייער לאכן אויף די צרות פון אט דער מוטער . . . ווער זאגט עס, אז דאס גליק פון לעבן איז פארוויילן זיך,

זיין פריילעך ? — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון אונטערגייענדיקן, דעגראַדירטן, דעגענערירטן רוים : "ברויט און פאַרוויילונג". ניין און ניין ! דאָס גליק אין לעבן איז האָבן : צער, שרעק און יסורים פון שאַפן, טרוים, פאַרלאַנג, ציטער, האָפענונג. ווייען פון שאַפן זיינען פרייד פון שאַפן. דאָס גליק פון מענטשן זיינען קינדער, פיזישע און גייסטיקע. האָבן און האָדעווען קינדער, אידייען, אידעאַלן, אויפטוען — אָט דאָס גליק איז גאַרניט לאַכעדיק־פריילעך ! "זייען מיט טרערן" — אָט די טרערן פון זייען — בלויז זיי קאָנען ברענגען געזאַנג פון שניידן.

א לייזיק לעבן, א לעבן אָן שאַפן, א לעבן אָן האָפענונג אויף פריידיקן שניט — אַזא לעבן איז דורך און דורך טראַגיש, טרויעריק — אַזא לעבן פון איבערגעעלטערטע איינזאַמע מיידלעך קאָן געמאַכט ווערן פריילעך, טאַנצעווודיק, מען קען א לעבן פאַרשיכורן, פאַרשפּילן אין פריילעכע קאָרטן.

דאָס איז די טראַגעדיע פון פריילעכקייט. מען דערציילט, אַז אין גיהנום שטראָפט מען אייניקע זינדיקע מיט אייביקן טאַנצן. דאָס טרויעריקסטע, אומגליקלעכסטע לעבן איז דאָס לעבן פון כסדרדיקע פאַרוויילונגען, פון תמיד פאַרווילן זיך.

פאַראַן אין אמעריקאַנער אידיש צוויי באַגריפן : "מען מאַכט א לעבן" און "מען לעבט זיך אויס". ווען דאָס לעבן איז לייזיק, גאָרנישטדיק, דעמאָלט זוכט מען אַז "אויסלעבן" זיך, דעמאָלט ווערט א נייטיג נאָך "אויסלעבעכץ". און אין א לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, אַלץ ווערט פּראָדוצירט דורך קאָמפּאַניעס. דאָרטן ווערט אויך "אויסלעבן" פאַרקויפט. פירמעס, טראַסטן, פּראָדוצירן און שטעלן אייך צו "אויסלעבעכץ" פאַר אייערע פאַר דאָלער. און ווי צווישן אַנדערע פירמעס גייט דאָ אויך אָן א קאָנקורענץ. און — אָט איז דאָס קולטור לעבן פון אידן אין אַמעריקע. און דאָס אַלץ, ווייל דאָס עצם לעבן פון די אמעריקאַנער אידן, ניט דאָס אויסלעבן זיך, נאָר דאָס לעבן אַליין, איז אָן פרייד, איז טרויעריק און דער עיקר — אָן צער פון שאַפן, פון טראָגן דעם מאָרגן. ס׳עם פעלן יסורים און גלויבן פון טראָגן און שאַפן און בויען, און האָדעווען. עס פעלט א אידייע פון א אידישער צוקונפט, פון א מאָרגן.

פאַראַן ביי שלום עליכם א מאָנאָלאָג "נחת פון קינדער". ס׳הייסט, אַז אַלע קינדער זיצן ביי דעם טאַטן אויפן קאַרק, אַז קיין חיונה האָבן די קינדער ניט. אָבער — אַז עס קומט א יום־טוב, א פורים און די גאַנצע משפחה מיט די קינדער מיט די אייניקלעך קלייבן זיך אַרום טיש, און "די שקצימלעך גיבן א כאַפּ אונטער ׳צהלה ושמחה׳ — ווער איז צו מיר גלייך ? וואָס מיר בראָדסקי, ווען מיר ראָטשילד?" — און ער איז גערעכט : זיין פרייד איז פון א קאָסמישן כאַראַקטער, עס איז די פרייד פון א בוים וואָס וואַקסט, די פרייד פון פייגעלעך וואָס בויען נעסטן און האָדעווען אין זיי נייע דורות. עס איז לעבן, עס איז די יסורימדיקע פרייד פון טראָגן און געבוירן און האָדעווען. עס איז די פרייד פון צער גדול בנים.

און אָט די אָרגאַנישע פרייד פעלט ביים אמעריקאַנער אידנטום, ריכטיקער — ביי דער אמעריקאַנער אידישקייט. ווערט א טיפערן אידן מיט א טיפערער נשמה אומעטיק פון דער געקויפטער, געמאַכטער פריילעכקייט, — לאָזט ער זיך ערגעץ איבער דער וועלט זוכן אידישע פריידיקייט, זיך אָפּפרישן מיט אידיש לעבן.

פרייד שפּראָצט און קוואַלט פון לעבן. פריילעכקייט מאַכט מען, פּראָדוצירט מען, קויפט מען. פעלט פרייד אין פריילעכן אידישן לעבן אין אמעריקע. האָט מען פיינט דעם, וואָס דערמאָנט עס, איז מען ברוגז אויף דעם וואָס וואַגט אויסצוזאָגן דעם סוד, אַז דער מלך איז אייגנטלעך גאָר

נאקעט; איז מען ניט צופרידן מיט דעם, וואס דעקט אפ פון אונטער דער געמאכטער פרייליכקייט די אינעווייניקסטע אומצופרידנקייט, דעם טיפן אר־מעט און טרויער.

"האט זיך אויפגעהויבן א בייזער ליארעם :
"צו וואס פייניקט ער אונדז מיט בלוט ?
"האבן הארטע שטימען געשאלטן
"מיינע לידער, געסמט זיי די טריט . . .
"געשמיסן מיט שנאה געמיטער
"מיינע לידערס נאקעטן גוף". (לייוויק).

"לאזט צורו," "צו וואס אויפדעקן וואונדן?" "מען דארף דאך זיך פארגעסן", "זייט ניט קיין פעסעמיסט", מען דארף זיך באנוגענען מיט אביסעלע", "מען טאר ניט זיין קיין מאקסימאליסט".— וויפל פאראיושטער פעסימיזם, האפנונגלאזיקייט עס ליגט אין אט די באקאנטע רייד ! וויפל טרויער — אין דעם יאגן זיך נאך זיך צו פארגעסן ! אידייעס האבן אפגע־נארט, חלומות — זיך אויסגעוועבט; נייע וועגן געבויטע לויט פאלשע קאמ־פאסן האבן פארפירט אין א טעמפן ווינקל. מוז מען גיין צוריק, צוריק צום אויסגאנג־פונקט, זוכן דעם ריכטיקן וועג פון דאס ניי. פעלט שוין אבער מוט און כח "מיר האבן אונדזערס שוין געטאן. זאלן זיי, די נייע ווייטער טאן". האט זיך די שכינה אפגעטאן פון פאלק. זוכט מען זיך צו פארגעסן, צו פארוויילן זיך און זיך צו בארואיקן. און אין הארצן הילכט אפ נאך פון אלטן חדר ארויס א בת־קול "א, ווי צו אייך, די רואיקע אין ציון און די זיכערע אין שומרון, די וואס פארוויילן זיך, — צו אונדז וועט דאס שלעכטס ניט קומען". . . און ווי צו די פאלשע נביאים, וואס וויסן נאר צו בא־רואיקן, איינצושלעפערן, ווי צו די פאלשע נביאים, צו די כלומרשט גוטע פון אלע דורות. איז דער נשמה אומעטיק און דער גוף מאכט זיך פריילעך.

אין איינעם פון די ארטיקלען אין דער פאלעמיק איקו"ף—ציק"א, האב איך איבערגעלייענט אזוינע עטלעכע ווערטער פון א באקאנטן אידישן שרייבער און קולטור־טוער :

"לאמיר האלטן ריין דאס קליין ארים ווינקעלע פון דער אידישער קולטור, וואו אונדז איז באשערט אויסצולעבן זיך". "קליין ארים", "ווינקעלע", "אונדז" באשערט אויסצולעבן זיך . . האט דאס מיר דערמאנט אלטע לייט אין א מושב זקנים — כ'ווייס א גאנץ לעבן אפגעדראווענט אין א מתנגדישן מנין, ווילט זיך שוין "אויסלעבן" אין אזא —דאס ביסל יארן . . . איז נאך פאראן א טיפערער פעסימיזם ווי אט דער ? איז נאך פאראן אזא יאוש ? קען נאך זיין אזא מין דיסהארמאניע ? פון איין זייט דער גרעס־טער אידישער קיבוץ, דער קיבוץ וואס שפייזט און האלט אויף אלע קי־בוצים, און פון דער צווייטער זייט — "קליין ארים ווינקעלע באשערט אויסלעבן זיך?" טיף, טיף אין דער נשמה איז דאס אמעריקאנער אידנ־טום אין עצבות און טרויער און אין יאוש און מען פארדעקט עס מיט געקויפטער פרייליכקייט געמאכט ביי דער אדער יענער פירמע. דאס איז די קללה פון גייסטיקער קינדערלאזיקייט. ניטא קיין יורש, קיין המשך; דאס איז די תוכחה־קללה : "דיינע זין און טעכטער וועלן אפגעגעבן ווערן צו אן אנדער פאלק. דיינע אויגן זעען און גייען אויס נאך זיי א גאנצן טאג און דיין האנט וועט זיין אן מאכט" (דברים, כ"ח תבא). זין און טעכטער וועס־טו געבוירן און זיי וועלן אין געפענגעניש גיין. און טיף אין הארצן, ער־גענץ אין די פארבארגנסטע ווינקעלעך וויינט די נשמה פון א פאלק, די שכי־נה פון פאלק, און דאס פאלק פארהילכט אט דאס געוויין מיט "אויסלע־בעניש" און פארשפילט אין קארטן.

—

— 3 —

היימען אָן היימישקייט

אין אמעריקאַנער אידיש האָט דאָס וואָרט "היים" אַן אַנדער ניואַנס: עס מיינט — דירה, הויז. מען אָרדנט איין אַ "היים", מען "בויט זיך אויס אַ היים" וכדומה. אַט דאָס וואָרט האָט, קלאָר אַ שטיקל צוויבער אין זיך. מען בענקט נאָך אַ גוטער היים. אָבער, עס איז גענוג אַביסעלע אַנאַליז כּדי צו זען, אַז די היים איז קיין היים ניט. היים איז ניט בלויז פיר ווענט מיט אַ דאַך. "היים" מיינט אַ סך מער — דאָס אָרט וואו מען איז היימיש, וואו מען פירט זיך לויט איינגעשטעלטע געוווינהייטן, וואו מען איז "ווי ביי זיך אין דער היים". ווי איז אָבער דער דין פון אַזוינע היימען, וואו אַלץ איז ווי אין פרעמד, און ניט היימיש און ניט היימלעך?

צענדליקער יאָרן זיצט אָפּ אַ איד אין אַמעריקע. ווערט רייך און באַלעבאַטיש, מיט קינדער שטודירטע, מיט הייזער און בריוזער און — בענקט נאָך אַלץ נאָך זיין "אַלטער" היים, ווייל דאָרטן, אין די שטעטלעך, דאָרטן איז מען געווען היימיש, ביי זיך, פאַר זיך. בעת דאָ, מיט אַלע גליקן איז מען ווייט פון זיך צו פילן היימיש. נעמט אַזאַ אידן, אַן אַמעריקאַנער, וואָס האַלט זיך "שטאָל און אייזן" פאַר זיין אַמעריקע און פרעגט אים שטילערהייט אַזוי אינטים: איז ער צופרידן מיט אַמעריקע, — און ער וועט אייך כּמעט תּמיד ענטפערן נעגאַטיוו, און אַמאָל, ביי אָפנהאַרציקייט, וועט ער אייך צוגעבן, אַז אפילו ביי זיך אין דער היים איז ער — אַ פרעמדער מענטש. היים איז פאַרבונדן מיט אַלטגעזעסנקייט, מיט געוווינהייטן, וואָס מען טראָגט מיט זיך. די ביי וועמען די אידן האָבן איבערגענומען דעם טערמין "היים", — זיי האָבן טאַקע די נאַטור מיטצונעמען זייער "היים" מיט זיך אין קעשענע, ווען זיי פאָרן אפילו אין עק וועלט. "היים" איז ניט אַן אָרט וואו מען שטעלט אויס זאַכן מיט זאַכעלעך, היים איז מער — אַ סכום פירונגען, האַנדלונגען, ירושה־געוווינהייטן, וואָס שאַפן אַ געפיל פון "ביי זיך", פון "ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן". דאָס שאַפט אַ צושטאַנד ווען אַ מענטש פילט זיך, אַז איך און בלויז איך מיט מיינע געוווינהייטן זיינען דאָ הערשער. דאָס איז דער זינען, די נשמה פון "היים". אַלע זאַכן, צימערן, מעבל, — דאָס זיינען בלויז "גוף" פון היים. אידן אָבער זיינען געוווינט צוליב אַ פּסיכישער איינגעשאַפט וואָס ניט דאָ איז אַן אָרט זי צו באַשרייבן, צו פאַרוואַרפן זייער היים און בענקען נאָך היימישקייט. אין אַמעריקע האָבן אידן געבויט היימען — דירות, הייזער, אָבער פון גייסטיקער היימישקייט אין די "היימען" איז גאַנץ ווייט. פילן דאָס אידן. מען באַגרייפט עס ניט, אָבער מען פילט עס און — עס פעלט די צופרידנקייט פון אמתער היימישקייט.

האָב איך געזען ביי אידן "היימען" אַז עין הרע — פּאַלאַצן, מוזייען פון מעבל — אַלאַ אַלט־ענגליש, אַלאַ פּאַרצייטיק פראַנצויזיש, מיט ספּעציעלע ווייַן קעלערס, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט גענוצט און מען וועט קיינמאָל ניט נוצן, מיט צאַצקעלעך און פליטערלעך, און אין די "היימען" זיצן גוטע, האַרציקע אידן און — בענקען נאָך אַביסעלע היימישקייט, וואָס מען האָט אַמאָל, אין קינדהייט יאָ געהאַט ערגעץ אין אַ פאָלעסישער כאַטע מיט אַ ליימענעם דיל. מען בענקט און מען האָט ניט די היימישקייט וואָס מען קאָן געפינען בלויז "ביי זיך", אין דער אייגענער נשמה.

"הייזער וועסטו בויען, וועסטו זיצן אין זיי, אָבער ניט לעבן אין זיי". "האָבן וועסטו לעקעך און ווייַן און בענקען וועסטו נאָך אַ שטיקל שוואַרץ ברויט". "קינדער וועסטו האָדעווען אין רייכער זאַטקייט און בענקען נאָך דער באַפרידיקונג פון פולן לעבן מיט אַן עק פון אַ הערינג"... און

ווי זאָל ער זיך פילן היימיש, אז אין שטוב רעכנט ער זיך קודם כל מיט דער דינסט, אין געשעפט — מיטן קונה, תמיד מיט יענעם, קיינמאָל ניט מיט אייגענע געוויינהייטן. אין געזעלשאפט — מיט יענעמס מיינונגען און פארלאנגען.. יענעמס שפּראך, יענעמס יום־טובים, יענעמס גענג, אלץ איבערגענומען. איז מען פון איין זייט שטאלץ מיט דעם : "מיט לייטן גלייך, מיט לייטן צוזאמען". פון דער צווייטער זייט אָבער בענקט מען טיף אין זיך נאָך היימישקייט, נאָך א קאפּעלע אינוועניקסטער היימישקייט.

"היים" איז אין דער נאטור און אויך ביי מענטשן פארבונדן אויך מיט צוקונפט, מיט אויסהאָדעווען קינדער. א נעסט, א נאָרע — ביי חיות און א היים — ביי מענטשן — "פאר קינדער און קינדס קינדער". און דאָ, טיף, טיף אין די פארבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אונטערן באוואוסטזיין האָט דער איד איצט אָנגעווארן דעם גלויבן אין זיין "היים"... ער רעדט פון דעם ניט : "אל תפתח פה לשטן", ער באמיט זיך צו פארטרייבן די ביטערע מחשבות, אָבער זיי בלייבן און עגבערן אין מח "ווי לאנג נאָך?".. אמאָל האָבן אידן געגלויבט, אז איינאָרדענען אזא "היים" איז בלויז א פראגע אן עקאָנאָמישע, א אינדיווידועלע, א פריוואטע. צו "אידישקייט" האָט די פראגע קיין שייכות ניט. פארקערט — וואָס ווייניקער אידישקייט, אלץ גרינגער איז איינצואָרדענען די "היים". איז געקומען די ביטערע ווירקלעכקייט און האָט געגעבן אידן א ביטערע לעקציע : — א איד קאָן ניט איינאָרדענען קיין היים פריוואט, כל זמן דער כלל אידן איז ניט איינגעאָרדנט. מען קען ניט אויסמיידן אידישקייט אפילו אין פריוואטן לעבן, אפילו ווען מען וויל פון איר אנטלויפן. ניטאָ קיין זיכערקייט פאר דעם יחיד, פאר דער אינדיווידועלער היים, אפילו ווען מען איז א ראָטשילד, אויב עס איז ניט פעסט פארזיכערט די היים פון כלל... א ביטערע לעקציע, וואָס קלאפּט אין קאָפּ אריין. אמת, — דער אינערטער ווילן זוכט אוועקצוטרייבן די לעקציע, ווי מען טרייבט א זלידנע פליג. "היטלער איז א שגעון פון דער וועלט", "אמעריקע איז ניט דייטשלאנד". און נאָך און נאָך אזוינע תירוצים געפינט מען אוועקצוטרייבן די פליג. האָבן דאָך דייטשישע אידן ביז ניט לאנג זיך גרויס געהאלטן מיט דעם וואָס "דייטשלאנד איז ניט רוסלאנד"... און מאלע וואָס פאר א מיטלען אידן טראכטן צו כדי אוועקצוטרייבן די זלידנע פליג פון אידישקייט... איז דער געיאָגטער אידישער געדאנק צו שוואך צו ברענגען עפּעס צו מעשים, צו קלאָרע אויספירן און מעשים. אָבער ער, דער געדאנק, איז געגוג שטארק צו פארביטערן דעם אידן זיין געמיט און בארויבן אים זיין רואיקייט. איז דער איד אין אמעריקע אומעטיקער געוואָרן, און די אינעווייניקסטע, אָרגאנישע אומעטיקייט איז געווארן גרעסער, טיפער, א וואָרים פון אומזיכערקייט האָט זיך פארקליבן טיף־טיף אין אונטערבאוואוסטזיין : ווער ווייס וועמעס מאָרגן עס איז? און בפרט, אז דער אייביקער שונא. דאָס ווילדע, חיהשע אידנפרעסעריי איז ניט בלויז ערגעץ ווייט אין רוסלאנד, אין דייטשלאנד, אין פוילן, אין רומעניע, אין מעקסיקאָ. די מגיפה איז דאָ אויך דאָ אויפן אָרט. דער שטן איז געצאמט מיט א קמיע פון דעמאָקראטישן רעזשים. אָבער ווער ווייס? ווער קען גלויבן איצט אין כח פון א קמיע?

האָט זיך אנומלט אויסגערעדט פאר מיר א איד א גביר, וואָס האָט מיר געוויזן זיין נייעם אויטאָמאָביל : "ס'וואָלט גאָרניט שלעכט געווען צו לעבן, ווען ניט היטלער". אָט דער "ווען ניט" — איז שוין דער ספק־וואָרים.

— איז אָט דער טיפערער, פארבאהאלטענער קאָמפּלעקס אין נשמה פון אמעריקאנער אידן. ער ווערט דורך דעם באוואוסטזיין פארשטויסן, פארטריבן, אָבער קאָנפליקטן פסיכישע שאפט ער. און די גיריקייט צו פארווײלן זיך, צו שאפן פריילעכקייט איז דער רעזולטאט פון דעם.

— 4 —

גלייכהייט אָן גלייכקייט

און ווי איז די סאציאל-פאליטישע לאגע ? — געוויס בעסער ווי אומעטום אויף דער וועלט. אבער אט דאס "בעסער" איז גאנץ ווייט פון צו זיין גוט. בארימען מיר זיך מיט דער יורידישער, רעכטלעכער גלייכהייט, באווארנט דורך די קאנסטיטוציעס און די פעסטע טראדיציעס פון דער גרעסטער דעמאקראטיע אין דער וועלט. אבער ניט אלע "פאפירענע בריקן" וואס מיר אידן פארלאזן זיך אויף זיי, זיינען פעסט און זיכער . . .

אויך דא זיינען אידן פארטראטן איבערהויפט אין די טראדיציאנעלע אידישע פרנסות וואס זיי זיינען תמיד די ערשטע קרבנות פון יעטווידערן סאציאל-עקאנאמישן פראגרעס און אויך פון יעטווידער קריזיס. דער פראצענט פראדוקטיווע אידן קאנצענטרירטע אין סאציאלע קערפערשאפטן ווערט קלענער. די צאל אידן וואס מאכן ניט קיין לעבן שטייגט כסדר. דער אידישער יוגנט ווערט אלץ שווערער צו קריגן ארבעט, איינצואָרדענען זיך און מאכן א לעבן. דיסקרימינאציעס קעגן אידן אפענע און פארשטעלטע ווערן אלץ מער און מער די נארמע. אין א סך אוניווערסיטעטן אין לאנד עקזיסטירט פאקטיש א פראצענט-נארמע פאר אידן, אט ווי אין צארישן רוסלאנד אמאל. מער ניט וואס דארטן איז דאס געווען אפן און דא — פארשטעלט: דארטן האט א וועלט מיט אידן און ניט-אידן פון דער גארער וועלט געקעמפט קעגן דעם, דא מאכן זיך די אידן ניט וויסנדיק : "אל תפתח פה לשטן". אזוי טרייבט פון זיך א מיאוס מיידל דעם געדאנק פון איר מיאוסקייט. ניט מען פירט דרייסט א קאמף קעגן די שטארקע אנטיסעמיטישע טענדענצן, נאר מען פארשווייגט זיי. ווייל עס איז אין דער פסיכיק פון די אידן ניטא דער באוואוסטזיין פון "אונדז קומט". "מען איז אונדז מחויב צו געבן גלייך ווי אנדערע". פארקערט איז דא די פסיכיק באהערשט פון א צווייטן געפיל : מיר מוזן זיין דאנקבאר פאר דעם, וואס מען גיט אונדז יא; דאס לאנד איז דאך זייערע, מיר זיינען געדולדיקט, מען פארטראגט אונדז, ווייל זיי, די "באלעבאטים" פון לאנד זיינען "גוטע". ריידן הויך וועגן דעם וואס מען גיט אונדז ניט דארף מען ניט, ווייל — ווייל ווי זאגט דאס פאלק ? — "א געשאנקענעם פערד קוקט מען ניט אין די ציינער". איז ביי פרייע אידן, אין פרייסטן לאנד, פאראן א געפיל, אז מען טוט זיי א חסד וואס מען לאזט זיי לעבן.

איז ביי אלע באוואוסטזיניקע אידן, וואס זיינען גענוג שטאלץ ניט צו וועלן פארלייקענען און באהאלטן זייער אידישקייט, איז אפילו ביי אזוינע אידן פאראן א געפיל, אז "צו שטארק" אונטערשטרייכן אונדזער אידישקייט דארף מען אויך ניט... פולע אידישע נעמען אין טעלעפאן-בוך אדער אויף די שילדן איז בעסער, אז ניט. אידישע פלאקאטן אין די גאסן זיינען צופיל שויז. פארלאנגען, פאדערן, אז רעגירונגען זאלן העלפן אידישע קולטור-אונטערנעמונגען איז ניטא קיין מוט, אז זיי זאלן אונדז, בירגער העלפן צו ראטעווען אונדזערע נאענטע קרובים, פעלט דרייסטקייט. מאנען ביי ראדיא-קאמפאניעס, ביי קאנצערטן-אונטערנעמער, וואס אידן גיבן שטארק צו לייזן, אז זיי זאלן אויך האבן אידישע פראגראמעס, — פון דעם זיינען מיר שטארק ווייט. וועלן אז אידישע גאסן זאלן אמאל טראגן אויך א אידישן נאמען... לאזט געמאך, אויך פאר אזוינע אידן איז אידישקייט א זאך, וואס בעסער זיך ניט ווארפן אין די אויגן צו פיל מיט איר.

איז שוין קיין אינעווייניקסטע, פסיכישע גלייכקייט ניטא אין אידישן באוואוסטזיין. ניטא לעגמרי. אויך אין א מעריקע פילט זיך א איד, און דער

צווייטער דור מער ווי דער אימיגראנטן דור, ווי א — גר, ניט ווי א תושב.

דאָס איז די לאַגע אין דער סטאַטיק, די דינאַמיק איז נאָך ערגער. צוליב סיבות קולטורעלע, ווערט מיט יעטווידן דור שוואַכער דער אידישער באַוואוסטזיין. ווערט שוואַכער די גרייטקייט צו אַקטיווער אידשקייט, ווערט אָפּגעשוואַכט די נאַציאָנאַלע אחריות, די אידישע שאַפּונגס ענערגיע, ווערט שוואַכער די נאַציאָנאַלע לעבנס ענערגיע. מיט יעטווידן דור ווערט דעגראַדירט דער קולטור־מאָראַלישער אינהאַלט, ווערט שוואַכער דער צעמענט וואָס בינדט צונויף באַזונדערע אידן אין איין קאָלעקטיוו. אַנשטאַט א גאַנץ פאָלק מיט אַן אַקטיווען פאָלקס לעבן באַקומט זיך א קופּע לייזע, צעשטויבטע מענטשן פון אידישן אָפּשטאַם. געוויין א פּעסטער פּעלז. ווערט ער צעשאָטן אויף קופּעס זאמד — א פּאַסיווער אָביעקט פאַר יעטווידן ווינטל, פאַר יעטווידן רעגן צעטראָגן צו ווערן, צעשווענקט צו ווערן. און אַזא צעשטויבטע אידן־מאַסע קאָן שוין במילא ניט שאַפן קיין שטאַרקן קאַמף־פראָנט קעגן סאָציאַל־פּאָליטישן אָנגריף.

מען דאַרף גוט געדענקען: אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין בייזע אויסטראַכטונג פון עטלעכע מענטשן ־ רשעים. עס איז דער גרויסער גוג־ומגוג מלחמה־פראָנט פון דער אייביקער רשעות. און דער פראָנט, דער קאַמף פון שלעכטס, גייט דורך אונדזער אידישן לעבן. און שוין תמיד אַזוי וועט עס בלייבן: איבער אונדזערע קעפּ גייט דער קאַמף צווישן שטאַרקן שלעכטס און דעם שוואַכן גוטס. און אַז דרייסק היטלערס וועלן שטאַרבן וועט דער פראָנט דאָך בלייבן. כל־זמן עס וועלן זיין פערד וואָס לאָזן זיך שפּאַנען, וועלן זיין בייטשן. כל־זמן שעפּסן וועלן זיך לאָזן בייסן, וועלן וועלף זיין.

קומט דער אַנטיסעמיטיזם תמיד ווי דער אַוואַנגאַרד פון יעדער רעאַקציע. זיינען אידן די בעסטע שפּרינג־ברעט, און איבער אונדזערע קעפּ שפּרינגט אַל דאָס בייז אין דער וועלט, כדי צו קאָנען שטייגן און גיין פאָראויס.

גיסט זיך א שמוציקער שטראָם פון אַנטיסעמיטיזם איבער אַמעריקע, און קיינער שטעלט אים ניט קיין דאַמבעס אָפּצוהאַלטן. די דעמאָקראַטישע רעגירונגען הערן זיך צו צום "קול פון המון איז דאָס קול פון גאָט" און היטן אָפּ די "פרייהייט פון וואָרט", אָך און ווי וואָס פאַר א פּנים זי האָט, אָט די באַרימטע פרייהייט. און אידן שטייען ביים ברעג פון אָט דעם שמוציקן אַנטיסעמיטישן שטראָם פון אומקום און ווילן אים "אָפּשפּרעכן" ווי אַן עין הרע מיט רעזאָלוציעס און אָפּשטעלן אים מיט קמיעס פון פּראָטעסטן. מען באַמיט זיך איינצורעדן זיך און אַנדערע, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז גאָר א "דייטשישער פּראָדוקט", וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורך אַגענטן. כלומרשט קיין אַרטיקע, מעכטיקע סאָציאַל־פּאָליטישע רעאַקציע־קוואַלן וואָס דערנערן זיך און וואַקסן מיטן אַנטיסעמיטיזם, כלומרשט זיינען אַזוינע ניטאָ. פרייט מען זיך צו געפינען צייטווייליקע שותפים אין קאַמף. פאַרגעסט מען זיך אָבער, אַז פאַר יענע איז דאָס א געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע, פאַר אידן אָבער — א פראַגע פון לעבן און טויט. איז די שותפות שוין ניט קיין גלייכע שותפות, נאָר א צדקה, א חסד, א נדבה, וואָס קאָנסטאַטירט אונדזער אָרימקייט און אונטערטעניקייט, אונדזער נידעריקייט לגבי אַנדערע פעלקער אין דער "גלייכער" אַמעריקע. שרייט מען אָפּט "חי וקיים" צו די מאַכטהאָבער, וואָס ווערן אַלץ אָפּטער טויב צום אידישן שרייען. בעט מען א געזעץ, א רעזאָלוציע, א שטיקל פּאַפּיר, א גוט וואָרט — פּונקט ווי אַזוינע פּאַפּירלעך אָן א שטאַרקער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרגאַניזירטקייט קאָנען עפּעס איינהאַלטן אַזא אַלטוועטלעכן און אייביקן שטראָם פון אַנטיסעמיטיזם, פון בלוטיקע אינסטינקטן פון וועלף לגבי שאָף. האָבן טאַקע די אַלע רעזאָ־

לוציעס, און "גוטע" פראָטעסטן, און סימפּאַטיע־אויסדרוקן דעם ווערט פון קמיעס און אָפּשפּרעכענישן. עס בלייבט אָבער דער פאַקט אז —

אין דער פרייער אַמעריקע זיינען אידן דאָס איינציקע פאָלק וואָס בעט און בעטלט גוטע ווערטער און רעזאָלוציעס. אָט דער פאַקט שטרייכט אונטער די אידישע פּאָליטישע קנאַפּווערטיקייט און ער, דער פאַקט, דער־ציט, ער לערנט אַלעמען קוקן אויף אונדז ווי אויף אַ בעטלער־פאָלק. אָט אזוי פירן זיך די קינדער פון דעם "עם חכם ונבון" דערפאַר ווייל זיי ווילן ניט זיין קיין אידיש פאָלק. מיט דעם זוכן ניט־אידישע פּראָטעסטן האָבן די אידן אליין אונטערגעשטראָכן, אז אפילו אין פרייער און גלייכער אמעריקע זיינען יענע, די ניט־אידן, מער יחסנים, חשובער. האָבן טאקע די רעגירונגען אָנגעוואָרן די אכטונג צו אידן ווי אַ פאָלק און זיי לאָזן דעם אשמדאי טאנצן אין די גאסן.

האָט מען געמאכט דראָקאָן־געזעצן ניט אריינצולאָזן אין לאַנד קיין געיאָגטע, פאַרפּייניקטע מענטשן, און נאָכדעם מאכט מען אַ פרום פנים און מען היט די געזעצן. און אז עס טראָגט זיך ביי די ברעגן פון לאַנד אַ מוראדיקע שיף מיט טויזנט וואַנדערער, שיקט די גרויסע וואשינגטאָנס און לינקאָלנס דעמאָקראטיע עראָפּלאנען זיי זאָלן היטן די אומגליקלעכע שיף זאָל חלילה ניט עובר זיין אויף די הייליקע געזעצן פון פרייען, דעמאָקראַ־טישן לאַנד . . . וואָסער טייוול קען אזוינס איבערשטייגן ! און דעם שפּיי אין פנים האָבן געקראָגן ניט די טויזנט אומגליקלעכע וואַנדערער, נאָר די פיר מיט אַ האלבן מיליאָן חשובע און גלייכבארעכטיקטע בירגער פון לאַנד. באשר — ניט אלע שפּירן אַ שפּיי אין פנים . . . אויך דאָס "וויים בוך" וועגן ארץ־ישראל איז געווען אַ בריקע ניט לגבי דעם האלבן מיליאָן אידן אין ארץ־ישראל, נאָר קודם כל געווענדעט צום וואַגיקסטן קיבוץ פון אידן אין אמעריקע, וואָס איז אמת קיין עין הרע גענוג גרויס אין צאָל, אָבער גאָרניט וואָגיק סאָציאל און פּאָליטיש.

אָט אזא איז די דינאַמיק פון אידישן לעבן. אין אָט אזא ריכטונג גייט דאָס אידישע לעבן אויך דאָ.

גוטע מענטשן באווייזן מיט ציפערן אין די הענט, אז מען דאַרף אריינלאָזן אין לאַנד פארפאָלגטע מענטשן ווייל, פאַרשטייט איר, זיי ברענ־גען נוצן פאַר עמיצן. פאַראַן מענטשן פון צוויי מדרגות : איין מין מענטשן איז דער וואָס זיינע נוצן און שאָדנס זיינען מאָסגעביק וויכטיק ! דער צווייטער סאָרט האָט אויף אזויפיל רעכט צו לעבן, אויף וויפל די מענטשן קענען נוציק זיין פאַר דעם ערשטן סאָרט. דאָס איז די לאָגיק פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אלע מענטשן . . .

און אויך דאָס איז שוין קיין נייעס ניט. אומעטום, אין אלע לענ־דער האָט מען אידן אריינגעלאָזן ווען מען האָט זיי געדאַרפט האָבן, און שפּעטער האָט מען זיי געטריבן. האָבן אידן ניט נאָר אין מצרים געבויט שטעט, וואָס נאָכדעם האָט מען זיי געטריבן פון זיי. האָבן אידן אויך שטעט אין דייטשלאַנד אויסגעבויט און שפּעטער פאַרטריבן געוואָרן פון זיי. האָבן אידן אויך די פּוילישע לאָדז אויסגעבויט און רייך געמאכט, און שפּעטער האָט מען זיי געטריבן פון דאָרטן. און מען טרייבט זיי דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט געזאָרגט, אז די שטאָט זאָל סאָציאַל זיין אַ אידישע . . . אידן האָבן אין אמעריקע אַ סך געבויט און זיי בויען ווייטער. מיר קלייבן גוטע מיינונגען, וואָס באווייזן, אז מען דאַרף אריינלאָזן אידן וואָס טרינקען זיך. ווייל זיי קאָנען נוציק זיין פאַר די יחסנים־באַלעבאַטים . . . לאָגיש קען איך דאָס אַלץ פאַרשטיין און דאָך ווײנט דאָס הארץ אויף אונדזער "גלייכ־הייט" און . . . "גלייכבארעכטיקייט".

גלייכבארעכטיקט וועלן אידישע בירגער אין דעם לאנד ווי אומע־טום אנדערשוואו זיין, ווען עס וועט זיין אן ארגאניזירט אידנטום. די פּאָק־טישע רעכט פון אידישן יחיד זיינען זיכער בלויז מיט די רעכט פון אידישן פאָלק. אן ארגאניזירט אידנטום, א אידישער קאָלעקטיוו, ווי א אידיש פאָלק, קאן זיין באזירט בלויז אויף א לעבעדיקער אידישקייט אין די מענטשן פון פאָלק, אויף אידישער קולטור. אן אידישקייט איז ניטא קיין אידנטום און אן אידנטום וועלן אידן ניט קאָנען איינהאלטן זייער לעבן. די גלייכע רעכט אויפן פּאפּיר זיינען שוין איצט באנקראָט.

און זאלן די פאלש־נביאישע בארואיקער און טרייסטער ניט אָנווייזן: "ביי אלע פעלקער איז ניט בעסער, מיר קאָנען קיין אויסנאם ניט זיין" אא"וו א"וו. עס איז פאלש און פארפירעריש: מיר זיינען שוין אן אויסנאם מיטן אנטיסעמיטיזם וואָס קיין פּאָלק ווי א גאנץ פּאָלק האָט עס ניט. מיר זיינען אויך אן אויסנאם דערמיט וואָס פאר אלע אנדערע פעלקער איז אמעריקע א קאָלאָניע, אפילו פאר די "אמעריקאנער "אליין. פאר אונדז אבער איצט איז דער אמעריקאנער אידישער קיבוץ — די מעטראָפּאָליע. דער צענטער און מיט דער אָנמעכטיקייט פון אמעריקאנער אידנטום איז דאָס לעבן פון גאנצן פּאָלק אין סכנה. שטאמען אָט די אלע טרייסט־ווערטער און אָפּטימיסטישע רייד בלויז פון מקור: — אידן ווילן ניט זיין קיין פּאָלק, קיין אָרגאניזירט פאר זיך פּאָלק. זוכט מען זיך און אנדערע איינצורעדן, אז מען דארף ניט, עס וועט זיין גוט אזוי אויך, אונדזער "באלעבאָס"־פּאָלק איז א גוטער . . . אבער —

א פּאָלק, וואָס פארלאָזט זיך אויף א צווייטן און בויט ניט אליין זיין מאָרגן, אזא פּאָלק קאן קיין מאָרגן ניט האָבן.

און נאָך א כלל:

ביי קיין פּאָלק איז דאָס לעבן פון יחיד ניט אזוי אָפּהענגיק פון לעבן פון כלל, ווי ביי אידן. אן א זיכערן מאָרגן פון גאנצן אידישן פּאָלק איז קיין איין איינציקער איד ניט זיכער מיט זיין פּריוואטן מאָרגן און מיט דעם מאָרגן פון זיינע קינדער. אבער אידן לויפן פון קאָלעקטיווער אָרגאניזירטער אידישקייט, ווערט שוואכער דאָס פּאָלק, ווערן שטארקער די קלעפּ פון אידן. אידן לויפן פון אידישע צרות, און אָט דאָס לויפן ברענגט זיי אין אלע גרעסערע צרות אריין.

—— 5 ——

א דערציאונג וואָס דערציט ניט

עס איז איינע פון די אומפּאָפּולערסטע זאכן צו זאָגן אמעריקאנער אידן, אז די אלגעמיינע שול, מלוכישע שול, די אמעריקאנער שול, דערציט ניט די אידישע קינדער און זי גרייט זיי ניט צו צום לעבן. איך בין כמעט זיכער, אז קיינער פון די וואָס וועלן לייענען אָט די זאצן, וועט מיט מיר ניט מסכים זיין. אבער מען מוז זאָגן דעם אמת אפילו ווען ער איז ניט פּאָפּולער. מען מוז, ווייל עס איז א לעבנס פראגע פון זיין אָדער ניט זיין. און טאָמער דאָך וועלן זיך אייניקע פארטראכטן.

מען דארף וויסן, אז:

א) א פּאָלק וואָס לאָזט איבער די דערציאונג פון זיין יוגנט פאר א צווייטן, וועט קיין יוגנט ניט האָבן.

ב) אן א יוגנט, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אין דער קולטור און אין די טראדיציעס פון פּאָלק, קאן א פּאָלק ניט האָבן קיין מאָרגן.

ג) אלע אנדערע אימיגראנטישע פעלקער אין אמעריקע קאָנען און וועלן לעבן מיטן כח פון זייערע מעטראָפּאָליעס, וואָס זיינען פאראן אנ־

דערשוואו. ביי אידן אָבער איז היינט אמעריקע די מעטראָפּאָליע, און דאָס
אמעריקאנער אידנטום קען האָבן א קיום בלויז מיט אידישקייט.

די אלגעמיינע פּובליק שול איז אין איר תוך פארבונדן מיט א גע־
דאנק : איין לאנד, איין שול, איין פאָלק. איז דאָס געווען און עס איז ביי
א סך אידן נאָך היינט א אינטימער אידעאל. ״אידן טאָרן זיך ניט איזאָ־
לירן״. איז דאָס אָבער אביסעלע צו שפּעט : עס זיינען שוין אלע, אויך אין
אמעריקע, אזוי איזאָלירט פון אידן, אלע האָבן זיך געמאכט אזא גייסטיקע,
עמאָציאָנעלע מחיצה, אז קיין שום ״האָפענונג״ אויסצומישן זיך און זיין
ניט איזאָלירט ,איז שוין איצט ניטאָ פאר אידן. האָדעוועט די אלגעמיינע
אמעריקאנער שול אויס פון אידן — ניט קיין קולטורעלע ״אנגלאָ־סאקסן״,
וואָס זיינען פריי פון אידישקייט און ניט קיין אידן וואָס פילן
זייער אידישקייט אין זיך און זיי זיינען מסוגל זי צו טראָגן.
וואקסט א דור אין פּאקטישער מאָראלישער און געזעלשאפטלעכער איזאָ־
לירטקייט ווי אידן, אָבער אָן אזא שטאָלצן באוואוסטזיין. זעט ער ווי די
עלטערע באמיען זיך איינצורעדן זיך, שאפן זיך א אילוזיע פון כלומרשט־
טער ניט־איזאָלירטקייט. זעט דער יונגער דור, ווי זיינע עלטערן און דער־
ציער האלטן אין איין צופּאסן זיך צו א געזעלשאפט וואָס ווייכט פון זיי,
איידל גערעדט. זעט דער יונגער דור ווי עלטערן פארגוויאישן זיי — די
קינדער, און פּאסן זיך צו, — צו וועמען ? — צו די אייגענע, פארגוויאיש־
טע קינדער, וואקסט אין אים א פארדרוס אויף זיינע עלטערן און אויף זיך
אליין. ניטאָ קיין פרייד אין די נשמות פון אידישע קינדער, קיין פרייד פון
שאפן.

וואקסט א דור, א גייסטיק פאסיווער, ניט קיין שעפערישער, אָן
א גאנצן באוואוסטזיין : קיין אידישע גאנצקייט פארמאָגט ער ניט ווייל ער
האָט ניט ניט קיין אידישע קולטור, ניט קיין קולטור־שטייגערישע טראדיציע,
און צו זיין גאנצע אמעריקאנער שטערט דאָס באוואוסטזיין פון זיין אידיש־
קייט, פון זיין צוגעהעריקייט צו אידן. אזא דור מיט צעשפּאלטענע נשמות
קאָן ניט זיין שעפעריש, קאָן ניט זיין אקטיוו. עס פעלט אים מוט, גלויבן
און במילא ענערגיע. און וואָס א יאָר ווערט מער מאָראלישע ענערגיע און
מוט געפאָדערט דווקא פון דער אידישער יוגנט כדי צו קאָנען לעבן.

מען איז געוויינט צו טראכטן : כדי צו מאכן א לעבן, כדי זיך איינ־
צואָרדענען ריין עקאָנאָמיש אין לעבן, מוז א איד אין אמעריקע זיין אנגלי־
זירט. אביסעלע אידישע דערציאונג — מהיכא־תיתי, שאדט ניט. דאָס איז,
אזוי צו זאָגן, לנוי — פארן פּוץ, פאר דער נשמה. דאָס איז א מ צ ו ו ה
״פארן פאָלק ישראל״, פאר גאָט אָדער פאר לייט. אָבער פאר ״א תכלית״
אין לעבן קומט אין באטראכט בלויז ענגליש. אידישע דערציאונג קומט דאָ
לגמרי ניט אין באטראכט. ״וואָס ווילט איר ? — טענהט מיט מיר א איד.
— אידישע קינדער זאָלן אוועקגעבן זייער גאנצע צוקונפט פאר אידישקייט?
— מען דארף דאָך אָבער קודם־כל מאכן א לעבן ! מיינט איר. אז מיט דעם
וואָס מיין זון וועט וויסן נאָך אביסל פּאָגראָמען אויף אידן, נאָך אביסל
איבערוואנדערונג. וועט ער קאָנען מאכן א לעבן, הא ? דאכט זיך אזוי
קלאָר, — און דאָך פאלש. דורך און דורך.

ניט דאָס אויסגעלערנטע וויסן וואָס אין מענטשן מאכט דאָס לעבן,
נאָר דער מענטש אליין, זיין כאראקטער. איז איידער מען נעמט זיך צו באַ־
זאָרגן דעם מענטשן מיט דעם אָדער מיט יענעם נוציקן וויסן, מוז מען צו־
ערשט טראכטן ווי אזוי אויסצוהאָדעווען דעם מענטשן גופא, זיין ״מענטש־
לעכקייט״. דאָס וויסן דאָס איז א געצייג, א האמער. אָבער דער בעסטער
האמער אז ער פאלט אריין אין גולמשע הענט, מאכט ער אָן צרות, אז ער

פאלט אריין אין בייזע הענט — מאכט ער אַן אומגליקן. כדי צו קאָנען מאכן א לעבן, נויטיקט זיך די אידישע יוגנט אין אמעריקע, מען זאָל אין איר אנטוויקלען א שטארקן, א פעסטן, א מוטיקן און דרייסטן כאראקטער; מען מוז זי באַזאָרגן מיט פעסטע מאראלישע פרינציפּן אויף דעם גאַנצן לעבן, מיט א פעאיקייט צו מאראלישער און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע ווי אידן, ווייל אַזוינע וועלן זיי מוזן בלייבן, אפילו ווען זיי וועלן עס ניט וועלן. די אידישע יוגנט מוז קודם־כל קריגן א פעסטן און מוטיקן אידישן באוואוסטזיין, א שטאָלצן אידישן באוואוסטזיין. מיט דעם, וואָס די ענגלישע שול גיט דער אידישער יוגנט, וועט זי אין אמעריקע קיין לעבן ניט קאָנען מאכן. און וואָס ווייטער, אַלץ שווערער און שווערער וועט עס ווערן ביז דער ענד־גילטיקער ארויסשטויסונג פון עקאָנאָמישן לעבן. כדי איינצוהאַלטן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, — דערצו העלפט די בילדונג וואָס אידישע יוגנט באַקומט אין דער ענגלישער שול וויינִיק, און אפשר גאָרניט, און שטערן שטערט זי גאָר א סך.

דאָס מאכן א לעבן מיט דעם קולטור־פארמעגן וואָס די ענגלישע שול גיט, — דאָס איז איינע פון די כלומרשטע "אקסיאָמעס", וואָס זיינען א ליגן, כאָטש אַלע גלויבן אין זיי. און דאָ, ווי אומעטום, איז דער "אַלגע־מיינער גלויבן" ניט קיין באַווייז פון גערעכטיקייט און אמתדיקייט.

ווי קומט עס ? עס איז לגמרי ניט קיין פאראדאָקס. און אָט איז דער פאקט : עס זיינען געקומען כוואַליעסווייז אידן קיין אמעריקע : גרינע, פרעמדע, אָן א שפּראַך, אָן א צוגאַנג, פון אַן אנדער וועלט. און אָט די אידן האָבן געמאכט א לעבן. זיי האָבן אויסגעבויט עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, רייכטימער געשאפן, נייע צווייגן אינדוסטריע געשאפן, אויסגעבויט גרויסע און מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, סאָציאַלע און קולטורעלע. זיי, אָט די פון דער פרעמד געקומענע, האָבן רייך געמאכט אמעריקאַנער שטעט. האָבן צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען געגעבן אנדערע אידן. מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס אידן האָבן געשאפן, אויפגעבויט, אויפגעטאָן אין אמעריקע און אנדערשוואו, — אַלץ איז געשאפן דורך אָט די גרינע אידן. און אָט די גרינע אידן האָבן רחמנות געהאט אויף זייערע קינדער — "זאָלן זיי פאר־שפּאָרן די מאטערנישן וואָס מיר האָבן געהאט", זאָלן זיי זיין "צוגעפּאסט צו אמעריקע".

אין דער צווייטער דור, דער אמעריקאניזירטער, עפּעס לגמרי ניט שעפעריש. קיין עקאָנאָמישע פּאָזיציעס ווערן ניט געשאפן, די אַלטע, דורך גרינע אידן געבויטע, ווערן אָפּגעשוואכט. די אידישע געזעלשאפטלעכקייט לעבט בלויז מיט דער אינערץ פונם עלטערן דור. דער יונגער דור האָט קיין נייע געזעלשאפטלעכקייט ניט געשאפן, ניט אויסגעבויט. אביסל נאָכגעמאכטע ספּאָרט קלובן און ימח"א ווידער נאָכצומאכן. דאָס אַלץ. דאָס איז אָבער דאָך בלויז צום "אויסלעבן" זיך, פארווייל־ונגס טעטיקייט. עס איז אָבער גאָרניט געשאפן געוואָרן אין סאָציאַלן, אין עקאָנאָמישן, אין קולטורעלן לעבן פון אידן אין אמעריקע דורך דעם צווייטן דור, דורך די אמע־ריקאניזירטע איינגעבאָרענע, אין לאַנד איינגעוואקסענע. דער צווייטער דור אידן אין אמעריקע איז סטעריל, פרוכטלאָז, ניט בכח עפּעס צו שאפן, אויפצובויען, זאָרגן ניט נאָר פאר אנדערע, פאר א כלל, פאר א פאָלק מיט אידן; — זיי זיינען ניט בכח צו זאָרגן פאר זיך. צו בויען זייער סאָציאַל עקאָנאָמישן מצב. איינציקע, יחידים קאָנען פון מאָל צו מאָל אריינ־דרינגען ערגעץ אין א פאראנענעם ליידיקן אָרט אין לעבן, אָבער שאפן פּאָזיציעס, בויען עפּעס, אויפטאָן — דאָס איז דער צווייטער דור אינגאנצן אומפעאיק. דאָס איז דער פאקט.

זעעז מיר ניט, צום אומגליק, ביי דער יוגנט וואס איז אויסגעוואקסן אין דער פרייער אמעריקע, קיין מוט און דרייסטקייט צו פארטיידיקן זייער רעכט צו לעבן, צו מאכן א לעבן, צו קעמפן קעגן דיסקרימינאציעס, פראצענט נארמעס, אויסראטונג פלענער. ניטא קיין מוט, קיין רייד אפילו וועגן זעלבסטשוץ אויף דעם סאציאלן און עקאנאמישן באדן. פארגלייכט אט די אידישע יוגנט פון אמעריקאנער שטעט און אמעריקאנער שולן צו דער יוגנט פון רוסיש־פוילישע שטעטלעך מיט א דור פריער, — דעמאלט וועט איר זען, אז פרייע מענטשן זיינען ניט קיין רעזולטאט פון פרייע געזעצן, נאר פון זעלבסטשטענדיקער, אייגענער נאציאנאלער דערציאונג.

וואס פעלט דער יוגנט ? וואס פעלט דעם צווייטן דור אמעריקאנער אידן ?

כדי צו זיין שעפעריש, אקטיוו, כדי צו קענען אויפטאן מוז א מענטש פארמאגן צוויי־עדליי אייגנשאפטן : ער דארף ערשטנס, פארמאגן צוגעפאסטקייט צו ארט און צייט. ער דארף פארמאגן די נויטיקע אינפארמאציעס ,ער דארף באהערשן א פאך און קאנען אלץ וואס עס איז שייך צום פאך. דאס איז די טעכנישע זייט פון קענען מאכן א לעבן. אויסער דעם און פריער פאר דעם דארף נאך אבער א מענטש פארמאגן א גאנצע רייע גייסטיקע אייגנשאפטן, כדי ער זאל קאנען מאכן א לעבן. ער דארף האבן איניציאטיוו, מוט און ענערגיע, שעפערישע אינטואיציע און איבערהויפט מוטיקע עקשנות ניט אראפצופאלן ביי זיך, ניט צו דערשרעקן זיך פאר שטרויכלונגען אין לעבן. אט די גייסטיקע אייגנשאפטן זיינען לגמרי ניט נויטיק פאר דעם גרעסטן טייל ניט־אידישער באפעלקערונג. דאס זיינען פארמער וואס לעבן לויט אלטע איינגעווארצלטע טראדיציעס און מער ניט. דאס זיינען שטאטישע ארבעטער אין גרויסע מלוכישע קאמונאלע אדער פריוואטע אונטערנעמונגען מיט א ווייטגייענדיקער הערארכיע. דא איז קיין שעפערישקייט ניט נויטיק, ניט נוציק. דא, פארקערט, איז נויטיק פאלגעוודיקייט, געהארכזאמקייט און "גיין אין אויסגעטראטענע וועגן".

די אידישע באפעלקערונג אין אמעריקע איז, ווי אומעטום, אינגאנצן אדער כמעט אינגאנצן אויסגעשלאסן פון אט די סאציאלע קרייזן. כדי אריינצודרינגען אהין פאדערט זיך פון אידן ווידער אמאל א סך גייסטיקע כחות, וואס דער ניט־איד דארף עס לגמרי ניט. אויף די און נאך מער אויף אנדערע, קלענערע, זעלבסטשטענדיקע געביטן מוז מען האבן שעפערישע כאראקטער־שטריכן. מען דארף קאנען שאפן די עצם געביטן, אנטוויקלען זיי. איבערהויפט אז דיסקרימינאציעס און פשוטער אנטיסעמיטיזם מאכן דעם יונגן אידן שווער אריינצודרינגען אין לעבן אריין. און בכן איז פאר א אידן אין אמעריקע די טעכנישע צוגרייטונג צום לעבן א זאך פון דער צווייטער מדרגה. דער עיקר דארף זיין די גייסטיקע. מען מוז זארגן אז דער יונגער איד זאל אין שול באקומען ניט קיין געגוג פולע קופערטן מיט נויטיקן וויסן, נאר ער אליין, זיין גייסט, זיין כאראקטער זאל אין שול צוגעגרייט ווערן צום לעבן, זאל פארמאגן גענוג ענערגיע, מוטיקייט, דרייסטקייט, עקשנות, אריענטאציע, צופאסונג פעאיקייט, קאאפעראציע גרייטקייט, דערפינדערישקייט און אויסדויער. פריער פאר אלץ דארף דער מענטש זיין א מענטש. אבער אז דער מענטש ווערט שלעכט דערצויגן, וואס וועט אים העלפן אין לעבן זיין אקצענט, זיין סטענאגראפיע, זיין קאמערץ קורס א.א.וו ?

אמאל האבן אונדזערע עלטערן זייער ריכטיק פארשטאנען צו זאגן : "ווער ער קען גוט באנעמען א בלאט גמרא (ניט "ווער עס וויים"), דער וועט זיך קענען גוט אויסלערנען צו זיין א סוחר". פריער איז דער גייסט פון

מענטשן, דעמאָלט ערשט קומט דאָס טעכנישע וויסן. און אין דעם זינען באַקומען די אידישע קינדער אין אַמעריקע אַ פאַטאַלע אומגליקלעכע דערציאונג.

די פּובליק־סקול איז לויט איר כאַראַקטער דורך און אין אינפאָרמאַטיווע. זי זאָרגט בלויז פאַר דעם באַגאַזש פון טעכניש־אוטיליטאַרישן וויסן. פאַר דעם כאַראַקטער, פאַר דער אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע כחות זאָרגט זי גאָרנישט. זי באַמיט זיך ניט צו שאַפן ביי דער יוגנט אַ ברייטן האָריזאָנט און וועלט באַנעם, זי וועקט ניט קיין וויסנשאַפטלעכע, עטישע פּראָבלעמען און פּלאַנצט ניט קיין מוט און ווילן זיך מיט דעם אַלעם אָפּצוגעבן. אָן אַט דעם איז ניטאָ קיין גייסטיקע איניציאַטיווע. פאַר קינדער פון אַ פאָלק וואָס איז איינגעזעסן, וואָס זיין שפּראַך, געוויינהייטן און מנהגים הערשן אין לעבן און אין געזעץ, פאַר אַזוינע קינדער איז אַזאַ שול כמעט נענוג. דער כאַראַקטער בילדעט זיך אויס אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבן, אין שטוב, אין געזעלשאַפט. די סאָציאַל ־ עקאָנאָמישע לעבנס פּאָזיציעס פאָדערן אויך ניט קיין אָנשטרענגען זיך. די יוגנעלייט קענען זיך באַנוגענען מיט אַ ריין אינפאָרמאַטיווער שול. אמת, אויך דאָ איז פאַראַן אַ קאַמף צווישן די וואָס מיינען, אַז אין אַ דעמאָקראַטיע מוז יעטווידער בירגער זיין פעאיק צו קריטיק, גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט און צווישן די אויטאָריטאַטיווע "דעמאָקראַטן" וואָס גלויבן, אַז מען קען פאַרשפּאָרן דעם פאָלק די אַרבעט פון טראַכטן און מען קען יוצא זיין מיט דעם וואָס די אָנפירער וועלן שוין באַזאָרגן. גאָר אַנדערש איז עס אָבער מיט קינדער פון אַן אימיגראַנטישן פאָלק, וואָס האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט איינהיטן זיין שפּראַך, טראַדיציע, קולטור און שטייגער. אַזוינע קינדער האָדעווען זיך אין שטוב אָן קולטור בכלל, און אָן אַ פעסטן שטייגער. אָן די צוויי עלעמענטן קען זיך ניט אויסבילדן קיין כאַראַקטער. און אַז עס פעלן דעם מענטשן די קולטור־עטישע יסודות פון אַ כאַראַקטער, קען די אינפאָרמאַציע־שול גאָר נישט שאַפן פון דעם מענטשן. אָן פּאָזיטיווע קולטור־השפעות פון היים און שול בלייבט דאָס קינד אונטער דער דירעקטער השפעה פון גרויסשטאָטישער גאַס, מיט אירע ביליקע און לייכטע פאַרגעניגנס, מיט אירע אַזאַרט־שפּילן און אָפּטער אויסגעלאַסנקייט. קולטור, איינגעשטעלטקייט פון שטייגער איז תמיד אַ קמיע קעגן אַט די גאַסיקע פּסיידאָ־קולטור־השפעות. אָן קולטור און איינגעשטעלטקייט, ווערט די גאַס די דערציערן פון דער יוגנט. וואַקסט אויס אַ יוגנט אַ פּלאַכע, אַ לייכטזיניקע, אַן עגאָאיסטישע, אַ קנעכטישע, געטריי צו די "גאַס־טראַדיציעס", פאַרשקלאַפט צו די ביליקע גאַס־שונדיסטישע פאַרגעניגנס. וואַקסט זי אָן אויסדויער, אָן אָריענטאַציע־פעאיקייט, אָן טיפער צוגעבונדנקייט צו וואָסער עס איז פּראָבלעמען, אידייעס, אָן אידייאישע און אָן מאָראַלישע יסודות. אַזאַ יוגנט קען העכסטנס גיין מיטן שטראָם, קען נאָכגיין "נאָך אַלעמען", טאָן וואָס "אַלע טוען". אַזאַ יוגנט קען געטראָגן ווערן אויך די כוואַליעס פון לעבן. זי קען אָבער ניט בויען קיין לעבן, אפילו ווען זי איז געצוואונגען, ווען זי מוז. וואָס איז דאָ דער ריכטיקער ענגלישער אַקצענט, וואָס טויג די אויסגעלערנטע סטענאָגראַפיע, אַז דער מענטש איז קיין מענטש ניט ? *)

*) אָן אָבעקטיווע אויספאָרשונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין וויניפּעג האָט באַוויזן, אַז אידישע קינדער וואָס לערנען אין אַ אידישער שול זעקס שעה אַ טאָג אידישע און ענגלישע לימודים, זיינען אַ סך אַנטוויקלטער אפילו אין ענגליש פון אידישע קינדער וואָס לערנען אין די זעלביקע זעקס שעה בלויז ענגלישע לימודים אין אַ פּובליק־סקול. די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אין ענגליש.

פארלירט דער צווייטער דור די אידישע שפראך, פארלירט ער אויך אלץ וואס דאס פאלק האט אין דער שפראך ארייגעשאפן אין משך פון דורות — די גאנצע קולטור. נעמט ער אן א צווייטע שפראך, נעמט ער איבער בלויז די שפראך, די ווערטער, בלויז די שאלעכץ פון א קולטור, אבער ניט די קולטור. קולטור איבערנעמען קען בלויז דער, וואס איז אויסגעוואקסן אין א קולטור. איז די פארענגלישטע אידישע יוגנט בלויז כלומרשט פארענגלישט. אין תוך אבער — קולטורלאז אויף אלע שפראכן. עס וואלט אויך ניט געהאלפן ווען מען זאל איבערזעצן אויף ענגליש אל דאס גוטס פון דער אידישער קולטור.

אויסגעהאדעוועט אויף "קאמיקס", אויף "סטארים", אויף "גיימס", וועט די יוגנט ניט קענען אויפנעמען קיין קולטור אין קיין שפראך. אין בעסטן פאל מוזן אריבערגיין יארהונדערטער ביז א אידיש לעבן אין ענגליש וועט פארוואקסן מיט קולטור, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט אראמיש און מיט אידיש. און אויך דאס איז מעגלעך בלוז ביי צוויי תנאים : אויסערלעכע, פאליטישע רואיקייט און אינעווייניקסטער ספעציפישער לעבנס-שטייגער, וואס מען האט גערופן "רעליגיע". אן די צוויי פאקטארן און אן אידישער דערציאונג מוז קומען דעקולטוריזאציע. מיט איר צוזאמען קומט דעמאראליזאציע און כאראקטערלאזיקייט. אן דעם דערוואַרבענעם "אייגנס" וועט מען ניט קענען לעבן צווישן פעלקער.

דאס און נאך עפעס : ערשט אויפן שוואך עטיש-מענטשלעכן יסוד קומט נאך צו דער "אידישער קאמפלעקס". דער קאמפלעקס קען ווירקן אמאל אקטיוויזירנדיק און אמאל, פארקערט, אטראפירנדיק די לעבנס-ענערגיע, שאפן א גייסטיקע דעפרעסיע און ברענגען צו פאסיווקייט, אפ-העגטיקייט.

דאס באוואוסטזיין פון זיין א איד איז פאראן ביי אלע אידן, אפילו ביי די וואס ווילן אים באהאלטן פון זיך און פון זייערע קינדער. צו ניט-גלייכגילטיק איז די וועלט צו איד און אידישקייט, אז מען זאל קענען פארגעסן אליין די אנגעהעריקייט צו אידן און מאכן אז אנדערע זאלן דאס פארגעסן. וויפל קלוגע און כלומרשט פראקטישע אידן באמיען זיך ניט איינצורײדן זיך און אנדערע, אז "מיר זיינען ניט קיין אידיש פאלק", וועט עס זיי ניט העלפן צו באפרייען זיך פון א ספעציפיש-אידישן באוואוסטזיין, וואס יאגט נאך דעם אידן, צי ער וויל עס ניט, און ער מאכט דאס גאנץ לעבן זיינס אנדערש.

איז אט דאס באוואוסטזיין פון זיין א איד, עפעס אן אנדערער, עפעס ניט דאס וואס "אלע", ניט דאס וואס איך בין אין דעם אויסגעהאַרדעוועט געוואָרן, ניט דאס וואס איך גלויב, אז דאס איז דאס בעסטע אין דער וועלט, ניט דאס וואס מען האט מיר אנגעפילט מיין מח דערמיט, — דאס סמט אפ די ענערגיע און אקטיווקייט פון מענטשן, דאס מאכט דעם מענטשן אומפעאיק צו לעבן, צו קעמפן, צו זוכן, צו זיין אקטיוו. עס איז א שווערע "סכיזאפרעניע" : א גאנצן לעבן זיך איינגעלעבט אין איין וועלט און דא ארום האקט מען מיר אין קאפ אז איך אליין געהער עפעס צו אן אנדער גרופע, וואס איך קען ניט, וואס איז מיר פרעמד, ניט באקאנט, ניט באליבט, וואס איז ביי קיינעם ניט באליבט . . .

מענטשן מיט אזא מין צעשפאלטענער נשמה קענען ניט זיין שעפעריש אין לעבן. נאכמער קאנען זיי ניט שאפן קאלעקטיוו : צו שווער איז דא צו טראגן אפן און אנטפלעקן דאס באוואוסטזיין פון אידישקייט...

דאס באוואוסטזיין פון אידישקייט קען זיין א ברכה, א סטימולירנדיקער פאקטאר אין לעבן. דאס איז ווען דאס באוואוסטזיין איז גאנץ,

ווען עס נעמט ארום דעם גאנצן מענטשן, ווען עס דרינגט דורך אלע פיברען פון דער נשמה. ווען אָבער אָט דאָס באוואוסטזיין איז א צוגאָב, א ניט געוואונטשענער קאָמפּלעקס, וואָס מען וויל פּון אים פּטור ווערן, דערמאָלט איז עס א סם וואָס אטראָפּירט די גייסטיקע כחות פון מענטשן. יעדער איד וואָס ווערט דערצויגן ניט אין פולן שטאָלצן באוואוסטזיין פון אידישער גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט, יעדער איד אזא, איז פארשאָלטן צו טראָגן זיין איד־באוואוסטזיין ווי א קללה, ווי גייסטקע באצילן וואָס פרעסן אויף די גייסטיקע אָרגאנען, די גאנצע נשמה. — און זאָל קיינער ניט האָפן צו קאָנען אנטלויפן, אויסמיידן אָט די "אידישע באצילן". אידן אין אַמעריקע זיינען נאָך ווייט ניט אזוינע אמעריקאנער ווי די דייטשישע אידן זיינען געווען דייטשן. און נאָך וויניקער ווי יענע קאָנען זיי זיכער זיין מיט עפּעס . . . בלייבט איין וועג, איין אויסוועג — גאנצע אידן מיט גאנצער אידישקייט.

וויסן קינדער אז יענעמס יום־טוב איז דיקטאטאָריש פעסט אויף פאַר זיי, זייער יום־טוב אָבער מוז זיך ברעכן. יענעמס שפּראך, טראדיציעס, מנהגים, יענעמס אַלץ מיט אַן אנדער איז וויכטיק אויך פאַר מיר ווי דאָס שווארצאַפּל אין אויג. מיינס אָבער, דאָס אַלץ מיט וואָס טאטעס און זיידעס לעבן, דאָס אַלץ קאָן מען, מעג מען, דאַרף מען ברעכן, צעשטערן, עס איז בכלל ניט וויכטיק. שבת איז אונדזערס, אָבער ס'איז גאָרנישט. זונטיק איז יענעמס, אָבער דאָך אונדזערס. ניט דאָס און ניט דאָס. קיין פּרינציפּיעלע, אויסגעהאַלטענע מענטשן קענען אין אזא אטמאָספערע ניט אויסוואקסן.

וויסן קינדער אז עלטערן ציטערן איבער א פּיצעלע, בריקעלע פון יענעמס תורה, און דאָס, וואָס מען זאָגט זיי, אז עס איז זייערס איז אין בעסטן פאַל א שטיקל צוגאָב צו באַרואיקן בלויז דאָס געוויסן. ווערט איינגעפלאַנצט אין מח און הארץ א באוואוסטזיין, אז יענער איז בַּאַלעבאָס, אז מיר זיינען בלויז א צוגאָב, אז מיר מוזן זיך צופּאסן, קנעטן זיך לויט יענעמס פורעמס. אין אזא גייסטיקער סיטואציע קען קיין פרייער מענטש, מיט זעלבסטאכטונג ניט אויסוואקסן. זיינען מיר אידן, אָבער אלע ארום מיר באמיען זיך ווי ווייט מעגלעך דעם פאקט פון אידישקייט ניט קענטיק צו מאכן. זאָגט מען אין שול קריסטלעכע תפילות, טאָ מאכט ניט פון דעם קיין וועזן — עס וועט זיך ניט צוקלעפּן צו דיר גאָרניט. דער לערער מאכט עפּעס א גאַליקע באמערקונג, — מאך זיך ניט הערנדיק. ווילסט א גוט באזוכטע פארזאמלונג, ברענג א גויאישן רעדנער. — אין אזא סביבה קאָנען קיין שטאָלצע מענטשן ניט אויסוואקסן. וואקסן יונגע מענטשן מיט דעם קראנקן קאָמפּלעקס : "פארוואָס זיינען מיר געצוואונגען צו זיין אידן, אז מיר ווילן דאָס גאָרניט!" האָבן אזוינע מענטשן א קנאה צו אנדערע און איבערגעטריבענעם דרך־ארץ צו יענעם און כעס און בייז ווילן צו אלץ וואָס מאכט זיי דערמאָנען זייער אידישקייט . . . צי קאָנען אזוינע מענטשן אָרגאניזירן זייער אידישן לעבן ? צי קאָנען אזוינע מענטשן עפּעס טאָן פאַר זייער קאָלעקטיוו ווי אידן ? — ניין ! מיט פארסמטע אידישע נשמות קענען אידישע גופים ניט האָבן קיין קיום.

בכן, עס רעדט זיך דאָ ניט וועגן עפּעס א "אידישער קולטור". מיר נעמען זיך דאָ ניט אָן פאַר דעם כבוד פון א שטיקל פּרץ, ביאַליק, שלום־עליכם, "לאָזן אייערע קינדער אויך וויסן פון זיי", "טוט א טובה, זיי וויסן פון מארק טווען, טאָ פארוואָס, גוטע אידן, זאָלן זיי אויך ניט וויסן פון אונדזער שלום־עליכם?" — מען בעט זיך דאָ ניט — טוט א מצווה, לאָזט אריין אין אייערע מיט גרויסארטיקער וועלט־קולטור אויסגעפּוצטע סאלאָנען,

אז ארימע קרובה ,און זאָלן אייערע קולטור־רייכע קינדער וויסן אויך פון דער אָרימער קולטור פון זייערע זיידעס. אזוי שטעלן זיך עס פאָר א סך עלטערן און קינדער וואָס האָבן זיך אויסגעפוצט מיט עטלעכע גלאַנציקע בלעכלעך און האלטן זיך גרוים ווי מיט אמתן גאָלד. בכלל איז דאָס נים קיין פראַגע וועגן אבסטראַקטער קולטור.

ניין, נים פון דעם רעדט זיך. עס רעדט זיך נים פון גורל פון דער אידישער קולטור, וואָס וועט נים קאָנען לעבן אָן די יונגע דורות. — עס רעדט זיך פונקט פאַרקערט וועגן גורל פון די יונגע דורות אידן, וואָס זיי, די אידן, וועלן נים קאָנען לעבן סאָציאל און עקאָנאָמיש און במילא אויך פיזיש אָן א טיפער צוגעבונדנקייט צו אידישער קולטור. דורות אידן וואָס ווערן רויט ווען מען דערמאָנט זיי עפנטלעך זייער אידישן נאָמען. ווען מען רעדט צו זיי אין גאָס אידיש; דורות אידן וואָס פאַרקוקן זיך אָן א זייט בשעת זיי באַגעגענען זיך אין גאָס מיט זייערע "צופיל אידישע" טאַטע־מאַמע; דורות אידן וואָס וויסן, אז זיי געהערן פיזיש צו א פאָלק א פאַר־האַסטן, א פאַרפאָלגטן, א פאַרמיאוסטן און מער גאָרנים. אזוינע אידן, וואָס זייער גאַנצע יוגנט האָט מען זיי געלערנט צו שעצן, צו אכטן, צו לערנען נים־אידישעס, אזוינע אידן וואָס זייערע עלטערן ציטערן איבער דעם נים־אידישן אינהאַלט פון זייערע קינדער און פאַרבויגן כסדר די אידישקייט כדי צוצופאַסן זיך צו די — נים "פאַרגויאישטע", נאָר צו די אויסגעאַי־דישטע קינדער, — אָט אזוינע אידן, אין אזא אַטמאָספערע אויסגעהאָדע־וועטע, וועלן קיינמאָל נים קאָנען זיין קיין שטאָלצע, מוטיקע, קיין דרייסטע און אקטיווע געזעלשאַפטלעכע אידן. און לעבן וועלן זיי מוזן ווי אידן. וועלן זיי נים קאָנען לעבן נים ווי גויאים, נים ווי אידן. וועלן זיי צעריסן ווערן, צעמאָלט ווערן אויף אש און שטויב אונטער די שווערע און וואָס ווייטער אַלץ שווערערע מילשטיינער פון דער ווירקלעכקיים. מען בעט נים ביי אידן קיין נדבה, קיין טובה עפּעס אָן ארימער אידישער קולטור. די אידישע קול־טור בעטלט נים. נאָר מען מוז מיט האַמערס אריינקלאַפּן אין די מוחות פון פאָלק, אז מען מוז געבן די קומענדיקע דורות כוחות צו לעבן און אָן אי־דישער קולטור ,אָן אידישער דערציאונג איז גלייך ווי מיר וואָלטן די קינדער אונדזערע פאַרסמט, ווי מיר וואָלטן זיי געבונדן און פאַרקויפט אין שלאַכט־הייזער, געבונדן און געוואָרפן צו די נעגל און ציין פון טיגערן און היענעס, וועלף און שאַקאַלן. אָן אידישער קולטור און אָן אָן אויסבילדונג פון גאַנצן כאַראַקטער אויף אידישער קולטור וועלן אידן (און אידן וועלן זיי מוזן בלייבן) מוזן זיין ווי א גוף אָן לעבנס האַרמאָנען.. אָן גייסטיקע האַרמאָנען וועלן אידן מוזן פאַרקריפּלט ווערן.

לאָמיר זיך אויף א ווײַלע פאָרשטעלן, אז עס וואָלט איצט געווען דאָ אין אמעריקע א צווייטע אידישע יוגנט, א יוגנט א אימיגראַנטישע, געקומען אקאָרשט פון ליטע, פוילן, א יוגנט אָן א ענגלישער בילדונג, נאָר מיט א גע־וויינטלעכער אידישער דערציאונג. בין איך זיכער, עס איז פאַר מיר ניטאָ קיין ספק אויף קיין איין מינוט, אז אָט די אימיגראַנטישע, געקומענע יוגנט וואָלט זיך איינגעאָרדנט אין לעבן, וואָלט געמאַכט א לעבן א סך גרינגער, א סך בעסער און א סך געזעלשאַפטלעכער איידער די היגע, די אמעריקאַ־ניזירטע.

יעטווידער אידישער טאַטע וואָס דערציט נים זיינע קינדער אין פולן אידישן קולטור באַוואוסטזיין, האָדעוועט שוצלאָזע שאָף צו שחיטות, אָדער פאַררעטער: יעטווידער אידישער פאַרבאַנד, געזעלשאַפט, סאָסייטי, קאָנגרעסן, קהלות וואָס דערלאָזן צווישן זייערע מיטגלידער אזוינע נאַציאָנאַלע פאַררע־טער זיינען אליין פאַררעטער און זייער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע ארבעט

איז גאָרניט ווערט. אָז אידישער דערציאונג איז ניטאָ און עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אידיש לעבן און אָז א אידישן לעבן וועלן קיינע אידן ניט קאָנען לעבן. און קיינער וועט פון גורל, פון גורל פון די אידן, וואָס טויגן בלויז אויף צרות, אויף פאָגראָמירט צו ווערן, אויף צו האָדעווען מיט זיי אַלע אנטיסעמיטישע וועלף פון גאָר דער וועלט, קיינער וועט פון אָט דעם גורל ניט קאָנען זיך אויסבאהאלטן. ניט אין ראָטשילדס פּאלאצן, ניט אין הייליקע קלויסטערס, ניט אין ערגעץ. די אידישע באָבע שמעקט פון אלע־מען, פון אלע אידן אָז א אידישער נשמה אויף אייביק שוין.

„און שטייענדיק ביי פרעמדע שוועלן, וועט איר די וואונדן זיך
„אויפדעקן און וועט פאר פרעמדע זיי אויסשטעלן. א ציטערדיקע האנט
„אויסשטרעקן און בעטן הילף אויף בעטלער לשון" (ביאליק).

אָט די נייע תוכחה איז שוין מקוים געווארן. און זי ווערט אַלץ שטארקער. און ענדיקן וועט זי זיך בלויז ווען מיר וועלן אויפהערן צו זינ־דיקן מיט פרעמדע געטער, פרעמדע קולטורן, און מיט וועלן לעבן פרעמדע לעבנס. און זאָל מען זיך ניט פארלאָזן אויף די קליינע צוגאָב־שולכלעך. דער עצם באגריף פון אידישקייט ווי א קליינער צוגאָב צו עפּעס אנדערש איז שוין גענוג צו אטראָפירן די גוטע רעזולטאטן פון אידישער דערציאונג.

שרייבן שוין אידישע שרייבער אז „מען מוז קאפּיטולירן און געבן דער פארענגלישטער יוגנט אידישע קולטור אין ענגליש". באגרייפן זיי אָבער ניט, אָדער זיי ווילן זיך איינריידן און ניט באגרייפן אז

א) אין ענגליש איז ניטאָ קיין אידישע קולטור. זי וועט ניט זיין כל זמן עס וועלן ניט זיין קיין דורות אידישער שטייגער, אידישע רעליגיע און אידיש לעבן אין ענגליש, ווי דאָס איז געווען ביים געבורט פון אידישן ארא־מיש און אונדזער אידיש.

ב) די יוגנט וואָס וואקסט אָן אידיש, וואקסט אָן קולטור בכלל. אָט די יוגנט פארשטייט ניט און וועט ניט פארשטיין קיין שום, קולטור אויף קיין איין שפּראך ניט, אפילו אין ענגליש. דאָס איז א יוגנט וואָס איז אידיש בלויז לויטן אָפּשטאם און צרות צו ליידן. לויט זייער גייסטיקן פּרצוף אָבער זיינען זיי ניט קיין אידן, ניט קיין ענגלענדער, נאָר — א ווילדער, פּרימי־טיווער שבט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט ריידן ענגליש.

ג) אָן דערציאונג און אידישער קולטור קען אָט די אידיש־ענגליש־האָטענטאָטישע יוגנט ניט אנטוויקלען קיינע איינגעבאָרענע טאלאנטן, קיינע קונסטן, קיין שום זעלבסשטענדיקע אקטיוויטעט.

ד) די טראגעדיע פון ניט־אידישער דערציאונג איז ניט אסימילאציע, ניט אנגליזאציע, רוסיפיקאציע, פּאָלאָניזאציע אא"וו ("לויט דער צאָל פון דיינע שטעט זיינען דיינע געטער"). די טראגעדיע איז קולטורלאָזיקייט, „האָטענטאָניזאציע". קולטורלאָזיקייט — אָן שפּראך, אָן וועלטלעכער, אָן רעליגיעזער קולטור, אָן שטייגער, אָן מנהגים, אָן וואָרצלען — מוז פירן צו דעמאָראליזאציע און דעגענעראציע — צום אומקום גייסטיקן און פיזישן.

מיט איין וואָרט: די דערציאונג פון אידישע קינדער אין אמעריקע פירט צום אונטערגאנג פון אידישן פאָלק אין לאנד און במילא אויך אנדערש־וואו. פשוט און פראָסט. נאָר בלינדע, וואָס ווילן עס ניט זען, — זעען עס ניט.

— 6 —

די מעלק־קו

דאָס אמעריקאנער אידנטום איז דאָך דער שטארקסטער, דער רייכס־טער, דער זיכערסטער אידישער קיבוץ אויף דער וועלט. פון אומעטום, פון

דער גאָרער וועלט ציען זיך דאָך אהער אידישע הענט נאָך הילף. און די אַמע־ריקאַנער אידן גיבן. זיי גיבן אַלעמען. זיי גיבן אָפּט ניט ווייסנדיק אויף וואָס זיי גיבן. — אַז מען בעט, מסתּמא דאַרף מען דאָך געבן. אָבער אָט דאָס געבן קאָסט מערער ווי דאָס וואָס מען גיט איז ווערט. איז אָפּט אָט דאָס געבן געוואָרן אַלץ מיט און אַנדער. די גאַנצע אידישקייט איז רעדוצירט געוואָרן צו "נאָדיר א דאָלער און באַדער מיך ניט מער". איז דאָס געבן דעם דאָלער געוואָרן במקום אידישקייט, מיט דעם איז מען יוצא.

צעטיילן זיך אידן אויף פּאַרטייען לויטן קריטעריום, פֿאַר וועמען מען זאַמלט דאָס געלט. ס'הייסט: מיר דאָ דאַרפֿן ניט דאָס און ניט דאָס. מיר אונטערשיידן זיך נאָר דערמיט פֿון וועמען מיר האַלטן. קלייבן זיך צו־נויף קינדער און מען שפּילט זיך אין א קלוב, זאַמלט מען געלט פֿאַר עפּעס א ציל "אויף יענער זייט ים". אַלע אידישע באַדערפֿענישן זיינען דאָרטן, ווייט. דאָ זיינען גאָר קיין באַדאַרפֿן ניטאָ. האָט א גרויסע יוגנט־אָרגאַניזאַציע געגעבן געלט ארויסצוגעבן אין ארץ־ישראל א העברייאישן ראָמאַן, וואָס קיין איינער פֿון דער אָרגאַניזאַציע קען מן הסתם ניט לייענען און דער גרעסטער טייל ווייסט מסתּמא ניט, אַז עס זיינען ערגעץ פֿאַראַן אַזוינע זאַכן ווי העברייאישע ראָמאַנען.

— וואָס איז אידישקייט? — זאַמלען געלט.
— וואָס איז אידישע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט? — קלייבן געלט.
— וואָס איז ציוניזם? — געלט און געלט.
— אידישע קולטור? — ווידער געלט, און אַלץ "דאָרטן" ווייט.

און אָט דאָס געבן ווערט באַגלייט מיט פֿאַרשיידענע געפֿילן:

א) מילא, מיר האָבן דאָך ניט קיין אידישקייט, עס בענקט זיך דאָך פֿאַרט, טאָ לאָמיר כאָטש געבן פֿאַר די וואָס האָבן נאָך א אידישקייט.

ב) ס'אַרא טומל זיי מאַכן דאָס! ווי שרייאיק זיי וואַרפֿן זיך אין די אויגן מיט זייער בעטן! עס קאָן שאַדן אויך אונדז. אפשר וועט מען זיי מיט אַביסל געלט איינשטילן.

ג) פֿאַרפֿאַלן, מען קען זיך ניט ארויסדרייען פֿון די קאַמפּיינס, אַלע טאָג! אַלע טאָג!

ד) מיר האָבן ניט וואָס צו טאָן, טאָ לאָמיר אויך קלייבן געלט — טשערמאַנס, טרעזשורערס, מיר וועלן מאַכן טייען, אויפנעמען געסט, מיר וועלן מאַכן א טאַנץ, א פֿאַרווייליגנג, מיר וועלן אַנדזערע "פּיקטשורס" זען אין צייטונג... פֿאַר וועמען וועלן מיר קלייבן? — אָ, דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען.

און די זאַמלער, די קלייבער? — זיי קומען מיט איין אויפגאַבע: מען דאַרף מאַכן וואָס מער: דאַרף מען אָנדרייען דאָס רעדל, ציען רחמנות, אויפוועקן אַמביציעס, מאָנען האָנאָר, טיילן כבודים... מען וואָלט שוין געקענט עפּענען ספּעציעלע קורסן: "ווי מען דאַרף קלייבן געלט" אָדער איינגנטלעך, וואולגאַר געזאָגט — מעלקן די קו.

ווייס יעטווידער קולטורעלער קו־מעלקער, אַז ער מוז זאָרגן, די קו זאָל האָבן און וועלן געבן מילך. וועלן אָבער ביים מעלקן די אַמעריקאַנער אידן אָט די כּללים לגמרי ניט אָפּגעהיט. ווי אָפּט פֿילן זיי זיך אָפּגענאַרט. "געקומען עפּעס עמיצער, אָפּגעבלאָפֿט זיי"... מען נעמט ביי זיי געלט און מען לאַכט זיי נאָכדעם אויס. זייערע טשערמאַנס די נאַאיווע, זייער גלוי־בעוודיקייט. מען עקספּלואַטירט זייער רחמנות־געפֿיל, מען זאָגט זיי צו... און נאָכדעם ווערט דאָך שוין קומען א צווייטער.

קלייבט מען געלט און מען אנטוויקלט ניט קיין שטענדיקן געפֿיל פֿון געמיינזאַמער אחריות און געמיינזאַמער שאַפֿונג. מען פֿלאַנצט פֿאַרדרוסן,

פאריבלס. ווערט אלץ שווערער צו אקטיוויזירן דאָס געפיל, ווערט דער קרייז געבער ניט גרעסער, מוז מען אַלץ מער אָנקומען צו זייטיקע מיטלען אמביציעס, רייסיקע צרות־בילדער, פּארווײלונגען. וואקסט אוים א תהום צווישן די צילן וואָס פאר זיי קלייבט מען און צווישן די מיטלען מיט וועלכע מען קלייבט. עס איז גוט ווען ס'קומט פון א קולטור אחדות געפיל צו מיטגעפיל און רחמנות. פארקערט אָבער, פון נדבות צו אחדות־געפיל קען דאָס ניט קומען. איז וואָס מער אומגליקן אויף אידן, וואָס מער צרות, — אַלץ מער פארווײלונגען מוז מען מאכן, מער יום־טובדיקע "דינערס", מער "אמיוזמענט". "וואָס דערציילט איר מיר פון אייער קולטור?" האָט מיר נאָך אמאָל אין פוילן געזאָגט אן אמעריקאנער איד, — "אייער גאנצע קולטור איז דאָך אויפגעבויט פון אונדזערע פארווײלונגען".

האָב איך געזען ציוניסטישע יוגנט, גוטע, אויפריכטיקע יוגנט, און אין משך פון יאָרן געהערן צו א קלוב פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל האָבן זיי ניט דערוואוסט וואָס ער באטייטן אזוינע ווערטער ווי "רעוויזיאָניזם", "אחד־העם", "א. ד. גאָרדאָן" וכדומה. זיי האלטן פון העברייעיש און קיינעם איז ניט איינגעפאלן זיי צו באקענען מיט העברעיש, מיט העברעישער ליטעראטור און איבערזעצונגען, כאָטש, זיי ווייסן ניט קיין איין נאָמען פון א העברעישן שרייבער, זיי לייענען ניט קיין אידיש בוך אפילו אין ענגליש. — מען פארווײלט זיך און מען קלייבט געלט.

איך ווייס ציוניסטישע הייזער, וואָס לאָזן אריין אן ענגלישן בוך וועגן אידן בלויז אין פארמאכטע קאָנווערטן — די גוישע דינסט — און צומאָל די פארגויישטע קינדער — זאָלן ניט וויסן פון זייער אידישקייט. און ציוניזם? — מען פארווײלט זיך און מען זאמלט געלט. מען פארגעסט זיך אז "א דאָלער פארגייט, — א גלויבן באשטייט". מען וויל ניט פארשטיין, אז אָט דער "זייאָניזם" קען אויפעסן דעם ציוניזם. און אזוי מיט אלע אנדערע נאציאָנאלע אידישע אויפגאבעם — מען פארווײלט זיך און מען קלייבט געלט.

די וואָס גיבן זיך אָפּ איצט מיט "קאמפּיינס" און געלט־זאמלונגען ווייסן צו דערציילן גאָרניט קיין פרייליכע גרוסן וועגן דער גיבווייליקייט און דער צאָל געבער צווישן די אמעריקאנער אידן.

פארגלייכט מען די הילף־ארבעט פון אמעריקאנער אידן בעת דער ערשטער וועלט מלחמה און איצט, — דערשרעקט מען זיך דאָך פאר די שטימונגען ביי אידן, פאר דער קאלטקייט און ווייטקייט, פאר דער גאנצער אָפּגעפרעמדקייט. "דינסטיק איז ברידזש־קלאָב דעי, איך וועל צו אייער פארזאמלונג ניט קאָנען קומען".

און שרעקן שרעקט ניט דאָס וואָס עס קלייבן זיך צונויף קלענערע סכומים געלט, — עס שרעקט דאָס וואָס עס וועפּט זיך אוים די נשמה פון א פאָלק, עס הערט אויף צו פולסירן דאָס אידישע האַרץ. דאָס שוואך אפרופן זיך אויף די הילף רופן איז דער סימפּטאָם פון דער גרויסער קראנקהייט — אטראָפיע פון אידישן האַרץ. און שולדיק אין דעם איז די "מעלק־באציאונג". אנשטאט צו האָבן דעם גלויבן, אז :

וועלן זיין אין אמעריקע גאנצע, הארציקע אידן, וועט זיין הילף; אנשטאט דעם פלעגט מען קומען מיט איין אויפגאבע — א קוואטע, א סומע געלט און מען זוכט נאָר דעם "סלאָגאן", דעם פּאסיקן וואָרט... און וויפל וויצן אָט די זאמלער האָבן צו דערציילן וועגן די אמעריקאנער אידן, ווי מען ציט זיי פארן שטריקל! וויפל ציניזם עס שטעקט אין אָט די אלע וויצן וואָס מען דערציילט זיך אָז וועגן די "טשערמאנס", וואָס זאמלער און טוער דערציילן

זיך אַז ? אויסגעמאָלקן די קו און אויסגעלאַכט זי — "דו קו איינע וואָס דו ביסט".

האָט אָבער די "קו" אָנגעוואָרן דעם גלויבן, דעם צוטרוי, צו אַלע סלאָגאַנס, צו אַלע רייד. גלויבט זי פּשוט ניט און יוצא. און ווידער : האָט די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט דעם אַדרעס פון די אַמעריקאַנער אידן ? אַז מען האָט ניט אויסגעהאָדעוועט דעם "טראַפּיזם" (די נייגונג) צו אידישקייט, ווערן מיליאָנען, מיליאָנען אידן פאַרלאָרן אין ים פון פלאַכער אַמעריקאַנישקייט און דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט קומט אויס צו זוכן דעם ווינט אין פעלד, דאָס אויסגעלאָשענע אידישע ליכטל אין די אומענדלעכע שניי־פעלדער.

אַט דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַ קולטורלאָזער באַציאונג ווי צו אַ "מעלק־קו" ווען מען ווייס נאָר דעם מילך־שעפל. וויל מען גוטע פּרוכט מוז מען זאָרגן וועגן די וואָרצלען, וועגן די צווייגן, מוז מען האָדעווען און שפּייזן די וואָרצלען, מוז מען קולטיווירן און אָפּהיטן דעם גאַנצן בוים. מוז מען געדענקען איינמאָל פאַר אַלעמאָל : אַז אַ גייסט, אַז אַנשמה איז ניטאָ קיין לעבעדיקער גוף. און געבן גיט אַ אידיש הארץ. אַ קולטור, אַז אַ שטאַרקער אידישקייט אין הארצן, וועט אַמעריקאַנער אידנטום ניט קאָנען העלפן קיינעם, אויב אפילו ער וועט עס פיזיש קאָנען. די "מילך־קו" וועט זיך אינגאַנצן אויפהערן צו מעלקן.

— 7 —

"מיט זיי, ווי זיי"

א) געזעלשאַפטלעכקייט

אין ערגעץ זיינען ביי אידן ניטאָ אַזויפיל אָרגאַניזאַציעס ווי אין אַמעריקע. געזעלשאַפטן, סאָסייטיס, לאַנדסמאַנשאַפטן, קאָמיטעטן, פאַריינען און פאַרבאַנדן, קאָנגרעסן און קרייזן, קלובן קולטורעלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע, אָרגאַניזאַציעס לאָקאַלע און צענטראַלע, — מיט זיי איז פול יעדע אידישע געמיינדעס. יעדער איד געהערט צו עטלעכע אַזוינע געזעלשאַפטן און לעבט זיך אויס אין זיי. די אַלע געזעלשאַפטן שאַפן יאָר־איין, יאָר־אויס גראַנדיעזע געלט־קאַפּיטאַלן, מען דרייט מיט גרויסע בודזשעטן. און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם איז דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע אַזוי ניט אָרגאַניזירט, אַזוי ניט קאָאָרדינירט און ניט צונויפגעבונדן, אַזוי ניט געפּלאַנירט, אַז עס איז פּשוט ניט צו באַגרייפן. קעגנזייטיקע הילף, צדקה־טעטיקייטן, הילף פאַר דער "אַלטער היים" — דאָס ווערט געטאָן. אמת, אויך אויף די געביטן ווערן די טעמפּן שוואַכער, די פאַרמעסטן קלענער, אָבער דאָך זיינען דאָס גרויסע און ברייטע אונטערנעמונגען, גראַנדיעזע פאַרנעמען און אין סך הכל איז אין זיי ניטאָ קיין פּערמענט צו וואַקסן.

ניטאָ אין דעם אַלעם קיין אָטעם פון אַ אידישן מאָרגן, פון אַ אידישן פאָלק. אין קלענסטן גליד פון אָרגאַניזם, אין יעטווידער קעמערל פון אַ לעבעדיקן גוף מוז זיין אַ טיילכעלע פון דעם אַלגעמיינעם ציל — קיום פון אָרגאַניזם. אין די אַלע אָרגאַניזאַציעס ביי אַמעריקאַנער אידן, שפּירט איר ווייט ניט תמיד אַט די שטרעבונג צום קיום פון גאַנצן פאָלק.

פאַראַן צענטראַלע, אַלגעמיין־אידישע אינסטיטוציעס, וואָס אידן אין אייראָפּייאישע לענדער האָבן פאַר זיי געקעמפט. דאָ האָט מען ניט געדאַרפט קעמפן פאַר רעכט. איר ווילט, טאָ נעמט און שאַפט אייך, בויט אייך צענטראַלע אידישע קערפּערשאַפטן. און די קערפּערשאַפטן זיינען געשאַפן געוואָרן. אָבער ס'איז ניט דאָס, עס צענטראַליזירט גאָרנישט. און די בעסערע פון די טוער פילן אליין אַז אומצופרידנקייט. עפּעס איז דאָס ר' בער אָבער

ניט דער. צענטראלע אפילו, געלט זאמלונגען זיינען ווייט נאך ניט קיין צענטראלע אנפירונגען פון אידישן לעבן. און דאס פאלק ? — דאס פאלק איז צעברעקלט, צעפיצלט אין זיינע קלובן און האט גארניט קיין צענטראלן פארלאנג צו א צענטראליזירטן אידישן לעבן. עפעס פעלט דא, און וואס איז דאס פעלנדיקע "עפעס" ?

עס פעלט אן אלגעמיינע אידייע פון א אידישן פאלק. עס פעלט די נשמה. פרץ לערנט אונדז, אז א ניגון אן א כוונה איז ווי א טויטער גוף אן א נשמה. די גרעסטע, די שענסטע מעשים, אונטערנעמונגען אן א צענטראלער אידייע, וואס צו איר ציען אט די מעשים, זיינען טויט. האבן גאר אלע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן ביי אידן אין אמעריקע אן אנדער כאראקטער און אן אנדער אפשטאם ?

ביי דעם הערשנדיקן פאלק מיינט "סאציאל לעבן" דאס פארברענגען, פארווילן זיך "אויסלעבן" זיך. רעכטלעכע עקאנאמישע פראבלעמען פון פאלקס קיום, ארגאניזירונג פון פאלקס לעבן און זיין פארזיכערונג — דאס אלץ האט ניט קיין שייכות צום באגריף פון "סאציאלן לעבן".

און, ווי אומעטום, מיינען אידן אויך דא, אז "ווי עס קריסטלט זיך, אזוי דארף זיך אויך אידלען". האבן מיר קלובן זיך צו פארייוולן, האבן מיר סאסייטים פאר "טשאריטי" (צדקה) וכדומה. מיר, אידן, ווילן אבער ניט בויען קיין געזעלשאפטלעכקייט וואס האט ניט קיין מוסטער ביים הערשנדיקן פאלק. דא ליגט ערגעץ טיף פארבארגן א פארקערטע אידייע, וואס מען זאגט זי ניט ארויס אפן, ווייל זי איז פארשפעטיקט, אבער זי איז פאראן, און די אידייע וואלט מען געקאנט פארמולירן בערך אזוי : מיר זיינען אמעריקאנער און מיר ווילן זיך וואס וויניקער אונטערשיידן פון די "אמתע" אמעריקאנער. מיר קאנען האבן א באזונדערן אפשטאם, עלעהיי סקאטן, אירלענדער וכדומה. דער פארלאנג איז אבער עס זאל אין דער צוקונפט זיך שאפן איין "אמעריקאנער" פאלק. אט די נאאיווע קאסמאפאליטישע אידייע איז נאך לגמרי ניט געשטארבן ביי אידן. און אט פון וואנען עס שאפט זיך דער קאנפליקט וואס סמט אפ די געזעלשאפטלעכע ארבעט : אידישע געזעלשאפטלעכקייט איז איין ריכטונג; די פארבארגענע קאסמאפאליטישע אידייע ציט צו א פארקערטער.

אט די אידייע איז ביים הערשנדיקן פאלק לגמרי אויסגעוועפט געווארן; אלע פעלקער זוכן שוין יארצענדליקער זיך צו איזאלירן פון אנדערע פעלקער. עס איז בלויז א פראגע ווי ווייט די "פרעמדע-נעגירונג" גייט. עס איז א פראגע פון צייט, פון כאראקטער, פון פאליטישע קאמבינאציעס. אין פרינציפ אבער, זוכן אלע הערשנדיקע פעלקער זיך צו איזאלירן, אפזונדערן זיך, אפצורוקן זיך. ניט היטלער האט געשאפן דעם פרעמדן־האס. ער האט בלויז אויסגענוצט און דערפירט ביזן ווילדן סוף די טענדענצן וואס זיינען געווען פריער און זיינען דא, און זיי וואקסן אומעטום. פעלקער איזאלירן זיך, ארדענען זיך פאר זיך. מיר אידן אבער, און איבערהויפט אלע אידן, וואס האבן זיך דערווייטערט פון טראדיציע, טראגן אין זיך צוויי גייסטיקע נייגונגען : א צוציאונג צו אלץ וואס עס איז ניט־אידיש און עס שטויסט אונדז אפ אלץ וואס עס איז אידיש. וועגן אט דער אייגנשאפט מוז מען שרייבן גאנץ באזונדער. דא איז גענוג צו זאגן, אז אט דער כאראקטער שטריך ברענגט צו דעם אז אונדזער געזעלשאפטלעכקייט איז ניט אזא ווי עס פאדערט דאס אידישע לעבן, נאר זי איז א קאפיע פון דעם ניט־אידישן לעבן.

"אדער מיט זיי, אדער ווי זיי" איז דער אינטימער באגער פון אידן. ער איז דער זעלביקער געבליבן פון די צייטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע אן. און די נאטור פון די אינטימע באגערן איז ניט אפצושטארבן ווען

זיי ווערן ניט דערלאזבאר עפנטלעך. זיי קריכן אריין אינווייניק, פארבארגן זיך, באהאלטן זיך אונטער אלערליי שרייאיקע לאזונגען פון פארקערטן כא־ראקטער, פארשטעלן זיך און זיי שאפן קאנפליקטן צווישן "הילכיקן" "אומר" און פארבארגענעם "עושה". אט מיט אזוינע קאנפליקטן איז פול אונדזער געזעלשאפטלעכקייט, וואס איז אין תוך אריין געבליבן א פארקוקעניש — "מיט זיי און ווי זיי".

ריידן מיר זיך איין פייגעלעך וועגן איזאלאציע. זעען מיר ניט די אמתע לאגע, ווייל מיר ווילן ניט זען די אמתע לאגע. האלט מען אויס אנ־שטאלטן און חשובע באאמטע וואס דארפן דאס אונדז רעפרעזענטירן, שאפן די פריינטשאפט מיט זיי. האלט מען אויס "רבנים" פאר זיי, און אויב ניט פאר די אמתע גויאים, איז כאטש פאר די אייגענע פארגויאישטע קינדער... אבער אין תוך אריין — פאר זיך, "מיר פארמאגן אויך אזוינע ווי זיי". צו פארדעקן דעם אייגענעם אינטימען באגער "מיט, ווי זיי". דער גרעס־טער טריאומף פון אידישער געזעלשאפטלעכקייט איז דעריבער — געקראגן פריינט צווישן ניט־אידן. דעריבער פארקוקט די אידישע געזעלשאפטלעכקייט אויף די דרינגענדיקע עקאנאמישע, סאציאלע און רעכטלעכע נויטן פון דער אידישער באפעלקערונג — ניטא פאר דעם קיין מוסטער ביי זיי. דעריבער איז דער הויפט־טראפ פון דער גאנצער געזעלשאפטלעכקייט — רעליף, טשא־ריטי. "ארימע ברידער" אין דעם ווייטן ערגעץ — דאס "מעג מען" אויך ביי זיי. דעריבער איז שווער צו האפן אז ניט־טראדיציאנעלע אידן זאלן שאפן א ספעציעלע אייגענע גאנצע שול־סיסטעם, אפילו ווען א רעגירונג וואלט עס געגעבן די אידן, ווי עס איז געווען אין קוועבעק, קאנאדע. דעריבער טראכטן גאר ניט די אידישע קאנגרעסן אין אמעריקע צו ווערן די לעגאלע אידישע ארגאניזירטקייט. באנוגענען זיי זיך מיט רעפרעזענטירן די אידן. דעריבער זוכן גארניט די וועלפער פאנדן צו קריגן די רעכט פון צוואנגס־שטייער, בכל אופן כל זמן די קאטוילן האבן ניט קיין צוואנג שטייערן. דעריבער פארקוקן אידן אויף א סך אומרעכטן, וואס מען טוט זיי — זיי האבן מורא צו צע־ברעכן די אייגענע אילוזיע פון "מיט זיי, אדער ווי זיי". דעריבער ציטערן עלטערן צו געבן זייערע קינדער א צו שטארקע (!) אידישע דערציאונג טאָ־מער חלילה וועט זיך דאס קינד שפעטער נעמען פילן "צו שטארק" אידיש. דעריבער ריידן זיך איין אידן, אז אין אמעריקע איז ניט מעגלעך קיין זעלבסט־שטענדיקע אידישע קולטור — ווייל זיי ווילן עס ניט.

צוליב דעם זעלביקן אינטימען באגער האבן אידן אין אמעריקע איינ־מאל און אויף שטענדיק באשלאסן, אז זייערע קינדער מוזן און דארפן און האבן דאס "גרויסע גליק" צו קענען זיין פונקט ווי ניט־אידן (הורא פאר אונדזערע "גלייכע רעכט"). און אין דער אויבנאויפיקייט קלאגט אמאל דער אויפריכטיקער שוואכער יצר־טוב־געוויסן און אמאל גאר די איינגעדרעסירטע פראזע פארוואס מען קען צו די פארגויאישטע קינדער ניט צוקלעפן קיין אי־דישן "טל ומטר". מען רעדט זיך איין אז "מען קען נישט" און מען בארו־איקט זיך...

דעריבער האבן אלע אידישע געזעלשאפטן, אלע ארגאניזאציעס, ניט קיין אידעאל פון א גאנצן אידישן זעלבסטשטענדיקן לעבן אין אמעריקע. דע־ריבער טראגט די גאנצע געזעלשאפטלעכקייט א ציל פון אויסלעבן זיך, עלע־היי א קלוב צום פארווילן זיך, אדער א ציל פון הילף און שטיצע פאר ווייטע צילן: נאט אייך געלט, נאט אייך סימפאטיעס, נאט אייך רעזאלוציעס, מיר אבער בלייבן דא "מיט זיי און ווי זיי".

דעריבער איז דער יסוד פון געזעלשאפטלעכקייט — רעפרעזענטאנץ — "מיט זיי, ביי זיי, ווי זיי". עס פעלט אבער א אידייע, א ציל, א דראנג

און א ריכטונג, א שטרעבונג צו בויען עפּעס נייעס, עפּעס וואָס האָט נים קיין מוסטער ביי זיי. ווײַנען אידן אין רוסלאנד געוועזן שטארקע רעוואָלוציאָנערן — עס איז געוועזן א מוסטער מיט וועמען און נאָך וועמען נאָכצוגיין. און נעמען אידן עפּעס איבער, איז דאָס מיט לייב און לעבן, עכטער ווי דער אָריגינאל. אין אמעריקע אָבער זיינען אידן גאָר קאָנסערוואטיוו, ווידער לויטן מוסטער, שטארק פארקאָכט און פארגלויבט אין ״אונדזער אמעריקע״ און זיי ווען איידן די אויגן אויסדראַפּען פאר איין וואָרט קריטיק אויף איר.

ניט אומזיסט איז שוין אמאָל געזאָגט געוואָרן אז אידן בענקען נאָך רעכט — נאָך רעכט צו זיין קנעכט. פרייהייט דארפן זיי כדי צו קאָנען נאָכלויפן ווי אויפן שטריק. דער וואָס האָט עס געזאָגט (אחד העם) האָט עס צוגעשריבן די מערב אייראָפּייאישע אידן. צום באדויערן זיינען מיר, די מזרח אייראָפּייאישע אידן, ניט בעסער.

אָט פארוואָס אידן זעען און פילן ווי פון אונטער די פיס גליטשט זיך דער באָדן ארויס און זיי טראכטן ניט וועגן ענדערן, וועגן בויען נייע פאָרמעס, — עס איז קעגן דעם פּרינציפּ ״מיט זיי, ווי זיי״; אָט פארוואָס ביי אידן זיינען חשובער, אָנגענומענער די פארענגלישטע גרופּעס: נעענטער צום געגארטן מוסטער. און פון דאנען דאָס אויספעלן פון א זעלבסשטענדיקן אידישן לעבנס אידעאל אין לאנד דאָ. און אָרגאניזאציעס, געזעלשאפטלעכע אָן אן אויסקוק פון א ווייטן אידעאל, געזעלשפטלעכקייט וואָס זעט ניט צו פארווירקלעכן אין לעבן, אידייעס איז וועגעטירונג, ניט לעבן. לעבן איז תמיד פארבונדן מיט נייע, אלץ נייע פּערספּעקטיוון. דעריבער זעען אויס א סך אמעריקאנער אידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אָן לעבן: אָפּיסעס, שרייב־מאשינדלעך מיט סעקרעטארן און פּאָרזיצערס און — אן אומעט ווי אויף א בית־עולם. שטיינערנע מצבות מיט באגילדעטע נעמען געפּוצט — אלץ איז דאָ, מער ניט א נשמה פעלט.

צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו הערשט אין דער גאנצער אידישער געזעלשאפטלעכקייט זיין מאיעסטעט דער ״היינט״. היינט מוז מען דאָס און דאָס טאָן, היינטיקע באדארפן זיין וויכטיקער. ״מיטן פּנים צו דער קעגנוואָרט״. ניטאָ קיין פלענער פון א מאָרגן, פון א צוקונפט. מען זאָגט, ס׳איז ניטאָ קיין צייט. אין תוך אריין — ניטאָ קיין ווילן. ווייל פלענער פאר א מאָרגן מוזן זיין פארבונדן מיט אידעאל, אידעאל מוז שטאמען פון אידייעס. דאָ זיינען נויטיק אייגענע שטרעבונגען, באגערן. ביי אונדז אָבער הערשט איינער: ״מיט זיי, ווי זיי״. פון דאנען — קענען מיר בלויז נאָכמאכן, נאָכטאָן, צופּאסן זיך צו פאראנענעם ביי זיי. טאָ וואו איז דאָ אן אָרט פאר זאָרגן — פאר פלענער וועגן מאָרגן? טאָ ״איז פאראן א פּיצעלע היינט, און פארשטערט אים ניט מיט זאָרגן״. אין דער אמתן אָבער איז ״היינט״ אָן א ״מאָרגן״ נאָר א וועלקן, ניט קיין וואקסן. און שטאמען שטאמט אָט דער ״היינטיזם״ בלויז פון אידייענלאָזיקן באגער ״מיט זיי, ווי זיי״.

ב) קולטור

דאָס איז אויך דער גורל פון דער אידישער ליטעראטור. עס איז געבראכט געוואָרן אימפּעט נאָך פון ״דאָרטן״. ביסלעכוויז האָט אָבער אויך דאָ געזיגט דער ״מיט זיי — ווי זיי״. אונדזער ליטעראטור ווערט געשריבן לכתחילה ניט פון די טיפע אייגענע און אייגנטימלעכע מקורים. זי ווערט ביי אונדז געבאָרן פון פארקוקן זיך אויף זיי. איז די ליטעראטור אָן אייביקע אידישע אידייעס, פּולסירט ניט די אידישע נשמה אין דער ליטעראטור, הערט זיך פון איר ניט דער בת־קול פון אייביקן לעבן פון אייביקן פאָלק. רופט זי אויך ניט ארויס קיין הייליקן אָפּקלאנג אין די נשמות פון לייענער. אלע ליטעראטורן פארווילן, לאָמיר אויך פארווילן. אָבער — פארווילער ווען

תמיד זיין בעסערע. און אויב פאַרוויילונג, פאַרשפּאַרט מען אינגאנצן די אידישע ליטעראַטור. האָט זי, אונדזער ליטעראַטור, פאַרלאָרן איר גאָט, איר שם המפורש. וואנדערט זי אַן אַרימע, א פאַרוואַרלאָזטע און בעטלט "אני שלמה". — "לייענט אידיש, לייענט אידיש". און ניטאָ קיין שוואונק, קיין גלויבן, קיין ווילן און גלויבן.. האָבן אמאָל אַלע אידישע ספרים געהאַט איין "לשם יחוד", איין "אחד" און אין אים איז געווען דער גאַנצער זינען פון די ספרים. האָט שפּעטער א ליטעראַטור גערופן — גוט אָדער שלעכט — צו השכלה. האָבן דורות רוסישע ליטעראַטור געלערנט גלויבן, האָפן און קעמפן, האָט א ליטעראַטור געוועקט און געוועקט דאָס געוויסן פון פאָלק צום פאָלק. האָט זי זיך געקענט באַרימען : "דאָ איז רוסישער גייסט, דאָ שמעקט מיט רוס" (פּושקין). האָט א אידישער שרייבער געקענט אין קונסט פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע פאָלק, האָט א צווייטער — אַלע אייביקע אידישע אייגנטימלעכע אידייעס. הער איך ביי א דריטן דעם בת־קול פון אייביקע אידישע דורות. זוך איך אָבער אָט דעם אידישן טעם און ריח אין די אידישע ווערטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור און עס איז גאָרניט אזוי גרינג צו געפינען. איך זוך פאַר די צוועקן פון דער אידישער שול ליטעראַרישע ווערק, וואָס דורך זיי זאָל די יוגנט אריינזאַפּן דעם גייסט און די נשמה פון פאָלק און עס איז גאָר ניט אזוי גרינג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור צו געפינען אזוינע אידישע ווערק. דורכגעזאַפּט מיט דעם פאָלקס נשמה. הויכן שרייבער אריין אין זייערע ווערק צוזאַמען מיט זייער אינדיווידואַליסטישער אויך די נשמה פון פאָלק. איז דעמאָלט דער "איך" פון שרייבער אַן אָרגאַנישער טייל, אַן עלעמענט, אַן אייגנטימלעכער אויסדרוק פון דעם גרויסן און אייביקן קאָלעקטיוון "איך" פון פאָלק, איז יעטווידער שרייבער. יעטווידער ווערק אַן אוצר פון פאָלקס עבר און טראָגט אין זיך די אידייעס פון פאָלקס עתיד. ווען אָבער די "איכן" פון די שרייבער עמאַנציפּירן זיך פון "יאָד פון כלל", ווען די שרייבער ווערן אין זיך און מיט זיך, דעמאָלט גייט די ליטעראַטור אראָפּ פון די רעלסן פון פאָלקס לעבן. אנשטאָט איין גרויסן, אַלגעמיינעם "אחד", ווערט די ליטעראַטור א פּאָליצענטרישע, פּירט זי אין אַלע ריכטונגען און — אין ערגעץ ניט. ווערט די ליטעראַטור א זאַמלונג ווערק פון שרייבער, פון צוויי, דריי — פינף מנינים שרייבער, אָבער זי הערט אויף צו זיין א ליטעראַטור פון פאָלק. און וואָס זאָל דעמאָלט דער "איך" פון לייענער גיין זוכן ביי דעם "איך" פון שרייבער ? וואָס און צוליב וואָס דעמאָלט לייענען ?

דעמאָלט בלייבט אין דער ליטעראַטור איין איינשטעלונג ווי צווישן פּריוואַטע פּראָדוצירער און געברויכער. פּריוואַטע פּראָדוצירער פאַרקויפן, זוכן צו פאַרקויפן פאַרוויילונג־מאַטעריאַל אויף אידיש. און די קאָנקורענץ צווישן שרייבער, צווישן טוער איז דעמאָלט ניט די איבעריאָגעניש צווישן די וואָרצלען פון א בוים, וואָס זוכן מער און פרישערע זאַפטן פאַרן גאַנצן בוים; עס איז דעמאָלט ניט די קאָנקורענץ צווישן די צווייגן־שפּיצן פון בוים, וואָס זוכן מער זון, מער ליכט פאַרן בוים. ניין. די קאָנקורענץ צווישן שרייבער, צווישן געזעלשאַפטלעכע טוער איז דעמאָלט געגליכן צו דער קאָנקורענץ פון קרעמער, וואָס ווילן... נו, פאַר זיך, פאַר זיך כבודים, פאַרדינסטן. בעסער זאָל מיך גאָט שטראָפן פאַר איבערטרייבונג, פאַר רכילות, איידער דאָס זאָל זיין אמת. אָבער, אַז אונדזער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קולטור־וואָגן איז אוועקגעשטעלט אויף אָט די רעלסן, — דאָס איז זיכער ניט קיין בלבול.

און איך ווייס ניט ווי עס איז ביי אנדערע פעלקער. ביי אידן קען אזא ליטעראַטור, אזא קולטור ניט לעבן און מיט אזא ליטעראַטור קען דאָס אידישע פאָלק ניט לעבן.

זיצט צענדליקער יאָרן אַ איד אין אַ רעדאַקציע, שרייבט, רעדט "צום פאָלק" און ווייס גוט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט מער ניט זשאָנגלירט מיט "קלוגע נאַרישקייטן", "פּאַרוויילט" דעם חשובן לייענער, ער זאָל בעסער פאַרדייען זיין "סאַפּער". עלעהיי אַ קרעמער פאַרקויפט אַ גאַנץ לעבן צו־קערלעך מיט קיי־גומי אָדער גאָר צלמלעך — אבי פּרנסה.

פון איין און דער זעלביקער ערד וויגן שפּייז רויזן און דערנער, ווייץ און דולגראָז, — און פון אָט דעם זעלביקן שפּייז שאַפט די רויז אירע בלו־מען, איר צויבער־ריח און דאָס דולגראָז — זיין שיכּרותדיקן געשטאַנק. דאָס איז די איינגנשאַפט פון שטאַם, פון גאַנצן מין. און אויף אַלע ערדן איז רויז — רויז. עס איז איר ירושהדיקע נאַטור. און אַ שרייבער, אַ טוער, אַ לעבעדיקער מענטש בכלל איז אויך אַזוי — פון אַלע ערדן קען ער זויגן, און זיין שטאַמיקעס שאַפט ער. אויסגעקייטלט זיך פון שטאַם, אָפּגעזאָגט זיך פון דעם שטאַם־גייסט, פון נאַציאָנאַלער ספּעציפישקייט, — און די רויז איז מער ניט קיין איינע פון כלל רויזן, און דער שרייבער, דער טוער איז אויס. אָן זיין שטאַמיקער אָנגעהעריקייט האָט ער קיין ווערט ניט אפילו ווען ער איז אין אידיש. אָפּגעשניטן פון די וואָרצלען מוזן די שענסטע רויזן פאַרוועלקן און נאָך זיך קיין פּרוכט מיט זאָמען פון ווייטערדיקן וואַקסן ניט איבערלאָזן. דאָס איז דער גורל פון גאָר דער קולטור, פון דער גנזעלשאַפטלעכ־קייט, וואָס ווערט געטאָן דורך מענטשן, וואָס ווילן זיך אָפּרייסן פון שטאַם־גייסט אין דער אייגענער נשמה. און זאָל מען ניט באַמבאַרדירן מיט שיינע ווערטער "סינטעז", "אייראָפּייאישקייט", "מאָדערנקייט" אאַ"וו. דאָס זיי־נען אַלץ פּוסטע רייד צו פאַרשטעלן די נעגירונג, דאָס וועלן פאַרלייקענען די אידישע מקורים. דער כלומרשטער דואַליזם פון "וועלט און איד" איז אין תוך אַ מאָניזם פון — "אויס איד".

און אַזוי איז דאָס אויף אַלע אַנדערע געביטן פון אידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַראַן אַ לעגענדע וועגן אַ אידן וואָס איז גע־גאַנגען אין אַ גרויסן טיפן וואַלד. כּל זמן ער האָט געדענקט דעם שם המפורש האָט ער ניט געבלאָנדזשעט. האָט ער פאַרלאָרן דעם שם המפורש — ווייס ער ניט קיין שריט צו שטעלן, קען ער ניט גיין, אַלע וואַלד־שרעקן באַהערשן אים. האָט טאַקע אונדזער גאַנץ לעבן דאָ פאַרלאָרן דעם שם המפורש און — מען בלאָנדזשעט.

ג) וועלטלעכער אידישיזם

און מער פון אַלע אַנדערע ריכטונגען בלאָנדזשעט אָן אידייע, לאָמיר זאָגן דעם אמת, די אַזוי גערופענע אידיש־וועלטלעכע ריכטונג. די באַהויפּ־טונג פאָדערט אַ גענויערע אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונג פון דער גאַנצער באַ־וועגונג. דאָ וויל איך אָבער בלויז זאָגן, מיט דער גאַנצער אחריות, אָפן און קלאָר: — די אידיש־וועלטלעכע קולטור־ריכטונג האָט פאַרבלאָנדזשעט; מיט אַ באַגאַזש פון אַנדערע לאָזונגען און פאָרמולעס איז זי אויף אַלטע וועגן, וואָס זי האָט געדאַרפט פאַרשיטן. פאַרבלאָנדזשעט אויף פּרעמדע, באַנקראָ־טירטע וועגן ווייל ערגעץ טיף אין די נשמות האָט דער אינטימער באַגער "מיט זיי, ווי זיי" געלעבט ווי פריער, נאָר באַהאַלטן און פאַרשטעלט געזוכט כשרע פייגנבלעטער זיך צו פאַרדעקן. די היסטאָרישע מיסיע און נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון דער באַוועגונג איז געווען — אַריינצוטראָגן אין קאַנאָן פון דער אידישער תורה די נייע תורה שבעל פּה, אויספאָרמירן און אויספאָר־מולירן דעם נייעם ש"ם פון דעם אייביקן אידישן גייסט וואָס עס איז אויס־געוואַקסן אין דעם שטייגער פון פאָלקס לעבן. אָביעקטיוו אָבער איז די באַ־וועגונג אוועק אויף גאָר אַ פרעמדן וועג פון "יאַהודיזם". מער ניט וואָס די יאַהודים האַלטן זיך מיט שערבלעך פון אַ רעליגיע, האַלטן זיך די מיט

שערבלעך פון א שפראך. ביידע ריכטונגען נעמען אן אין פראקטישן לעבן פרעמדע פארמעס און שטייגער, ביידע זאגן זיך אפ פון שטייגערישער טראדיציע און ביידע זוכן א "זכר לאידישקייט" אנשטאט א לעבעדיקער אידישקייט .די האבן דאס אין די רעשטלעך פון רעליגיע, באלזאמירט און פרעפארירט אלא קירך. אזוי אויך האבן זייער אידישקייט די וועלטלעכע אידישיסטן אין ווערטער פון שפראך, וואס דארפן זיין בצלם און בדמות פון דער הערשנדיקער און הערשערישער קולטור.

פאר ביידע איז כאראקטעריסטיש דער גלויבן און דער באגער צו זיין "מיט זיי, ווי זיי". פאר דעם אייגענעם אידישן געוויסן זיינען ביידע באוועגונגען יוצא מיט דעם "אלה אלוהיך ישראל" פון דעם טעמפל, און — פון א אידישער פארזאמלונג. ביידע ציטערן פאר זעלבסטשטענדיקער אידישקייט, וואס מען רופט דאס מיט א שרעק־נאמען "איזאלאציע". פאר ביידע איז כאראקטעריסטיש דער פאקט, וואס אל דאס אידישעס איז אין געוועזענעם, רעדט מען וועגן אידישקייט, ווענדעט מען זיך תמיד צו דער פארגאנגענהייט, בעת אין דער אמתן מוז א אידייע פון אידישקייט זיין פארבונדן מיט דער אידייע פון א אידישן לעבן אין צוקונפט. אן א געטרייער איבערגעגעבנקייט צו א אידייע פון א אידישער צוקונפט, האט דאס דערמאנען זיך די אידישע פארגאנגענהייט די ווערט פון א יארצייטליכטל נאך א פארגעסענעם עלטער פעטער.

פאר ביידע איז כאראקטעריסטיש דאס בוקן זיך מיט הכנעה פאר אלץ וואס שטאמט פון זיי, פון פרעמד. בשעת דווקא אט די פאלקסטימלעכע באוועגונג האט געדארפט אין פלוג זיין אפגעהיט פון פרעמדן־קולט. די באוועגונג האט געדארפט מיטן גאנצן אינסטינקט פון פאלקסטימלעכער טראדיציע באגרייפן אז —

אויב "צווישן טויט און לעבן וואקלט זיך א וועלט און זינקט אין בלוטיקער מרה שחורה אריין", איז דאס בלויז דערפאר ווייל "זיי", די אייביקע געצנדינער זייגען די "מאראלישע פירער" און זיי, מיט שווערד און בלוט, זוכן וועגן צום "יושר"; איז דאס בלויז דערפאר, וואס זיי האבן געקרייציקט די נשמה פון אונדזערער א תורה, גענומען גוף פון א געקרייציקטן אידן, געמאכט פון אים א געץ צו טראגן בראש פון אלע שחיטות, אויף די ברוסטן פון אלע בלוטצאפערס און כלומרשט פרום־געווארענע מאגדאלענעס; איז דאס בלויז דערפאר וואס מיר האבן פארלאזן אונדזערע קוואלן פון אמתער גערעכטיקייט און ניט געטראגן זיי אנצוטרינקען די פארשמאכטע ליפן פון דער גוסםדיקער וועלט... אנשטאט צו זיין "שטאלצע, גרויסע אידן, וואס טראגן זייער שבת־יום־טובדיקע נשמה יתרה אויף די חורבות פון דער וועלט" איז אויך די ריכטונג געווארן א בעטלערישע נאכלויפערן נאך דעם גלאנצענדיקן אבער געטלאזן קולטור־וואגן פון די "אייראפעס"...

די וועלט ווערט חרוב ווייל יעקב האט אוועקגעגעבן זיין מאראלישע בכורה דעם בלוטיקן עשיון פאר א טאפ לינדזן, וואס אים האט זיך געדאכט אז ער זעט אים אין חלום. (און זאל מיך דער "וועלטלעכער גאט" שטראפן פאר אט דעם "אתה בחרתנו", וואס איך האב דא מיט דער פולער האנט צעגאסן...) אט אויף דעם פארמעסט האט די אידיש־וועלטלעכע קולטור־באוועגונג געדארפט זיך פארמעסטן אינוויניק, אין פאלק און פאר דער גארער וועלט און אוועק איז זי אבער אויפן וועג פון קליינע, קליינע, איינגעשרומפענע אידעלעך, וואס גייען בעטן און בעטלען "א פונק", א פונק "נדדבהלע ביים געצנדינערישן "האר און הערשער" אליין, וואס קעגן אים האט מען געדארפט קעמפן.

באוועגונגען קענען זיין פון צוויי מינים : פראגרעסיוו־אוואנגארדישע,

וואס גייען פארויס מיט זייער גאנצן כוח און מוט און אויך רעגרעסיוו אריערגארדישע, וואס פארדעקן בלויז דאס אפטרעטן צוריק. אזא באוועגונג האט לאזונגען און קליינע מעשים אין איין ריכטונג און א שטארקער כוח ציט אין א פארקערטער ריכטונג. צייט דער השכלה האט די אסימילאציע ניט אויפגעהערט. און עס איז געווען ווען אפענע אסימילאציע האט באנקראטירט האט זי גענומען פירן איר וועג אונטער פרעמדע נעמען: איז דאס געווען א שרייאיקע ליבע צו העברייאיש — א דעקמאנטל פאר אסימילאציע, איז דאס געווען א הילכיקע ליבע צו אידיש־לשון.

איז אט דער מסוכענער און פאלשער וועג פון אידישיזם אויך פאראן אין מזרח אייראפע. דארטן אבער איז געווען אן איינגעווארצלטע אידישקייט אין לעבן גופא, האט זיך פון אידישיזם ניט פיל געפאדערט. דא אין אמעריקע האט דער אידישיזם גדארפט ערשט אויסבויען א אידיש לעבן. האט ער אבער פארבלאנדזשעט אויף פרעמדע וועגן, האט ער דאס ניט געקאנט. האט דער אידישיזם געדארפט זיין א ריכטונג וואס פירט דאס אידישע לעבן און איז געווארן — א צוגאב, אפט א שטיפקינד ביי אנדערע באוועגונגען. געדארפט זיין אן אידעאלאגיע און איז געווארן א קלעפ־צעטל אויף א ליידיקער פלאש. האט אידישיזם געדארפט צווינגען אידן צו פארמערן אידישקייט אין זייער לעבן, און איז געווארן א הכשר צו פארמינערן: "מ'קען יוצא זיין".

האט וועלטלעכקייט געדארפט איבערזעצן די גאנצע אידישע קולטור און טראדיציע פון רעליגיעזער אין א מאדערן־וועלטלעכער שפראך, און פארקערט האט וועלטלעכקייט־פרינציפ געהאלפן אוועקווארפן די גאנצע אידישע טראדיציע־קולטור מחמת זי איז כלומרשט "מוקצה מחמת רעליגיעזקייט". האבן וועלטלעכע אידן ניט געוואלט זען, אז די גאנצע אידישע רעליגיע איז בלויז די טרוקענע הויט וואס וואקסט אן צוזאמען מיטן זאפטיקן פלייש פון נאציאנאלן אייגנטימלעכן לעבן. האט וועלטלעכקייט־פרינציפ אנשטאט צו העלפן שאפן אידישקייט, געהאלפן זי ארויסווארפן פון לעבן, געגעבן הכשר אויף זיין "ווי זיי, מיט זיי". האט "וועלטלעכקייט" געקענט פירן און אפט געפירט צו "אנהייליקייט" אין לעבן. פון דאנען פירט א דירעקטער וועג צו אידייענלאזיקייט. און אן רעליגיעזע פרינציפן "מען מוז", "מען טאר ניט", האט מען אפט אויך ניט געקענט אנטוויקלען קיין וועלטלעך־מאראלישע קאטעגארישע פרינציפן פון "יא" און "ניין", איז אפט אפן געבליבן דער וועג פארן וואולגארן עגאאיזם און ציניזם "אן א גאט אין הארצן". וואס איז צוגעדעקט מיט געבארגטן פייגנבלאט־קולטור. און אויך ער איז אפגעריסן פון זיינע קולטור־ווארצלען, וואס ציען זיך אין א דורות־לאנגער קולטור און טראדיציע פון א פרעמדן, וויטן לעבן. קומט אויס, אז אויך דער "וועלטלעכקייטיזם" האט געהאלפן אנטוויקלען די קולטורלאזיקייט פון פסיידא אסימילאציע. — צום אומגליק איז דאס טאקע אזוי.

עס איז א גרויסער ווייטיק ארויסצושטעלן אזא באשולדיקונג קעגן אידישיזם. אבער בעסער זאגן דעם ביטערן אמת. אפשר וועט ווען עס איז געלינגען וועמען עס איז צוברענגען די אויפריכטיקע זוכער צו אמתן וועג.

און אט אזוי בלאנדזשעט די גאנצע אידישע געזעלשאפטלעכקייט, אונדזער גאנצער קולטור לעבן אן אן אידייע ווי אן א קאמפאס, ווי אן א ווייטן לאנדונגס פונקט אין מיטן פון א פארגליווערטן ים פון צרות און פיין און אויסזיכטלאזיקייט. רעדט מען וועגן אידישקייט רעליגיעזער, ציוניסטישער, נאציאנאל־ארטיקער, און די שטרעבונג איז אהין — "מיט זיי, ווי זיי". האט אונדז די גאנצע אידישע ליטעראטור פון ישעיהו הנביא ביז פרצן געלערנט אז —

אז ארימער, פראסטער וואסערטרעגער מיט זיין פראסטן קאפיטל

תהלים, מיט די גרייזן, מיט די צעבראָכענע ווערטער איז הייליק און שטאַרק ("יוחנן וואַסער־טרעגער"). און דער פּרוש, וואָס לערנט די הייליקסטע קבלה־ספרים, וואָס זיין נשמה איז ביי ליליתן — איז טריף, א ריח פון גיהנום־סמאַלע טראָגט זיך פון אים. פּשוטע, פּשוטע אידן, וואָס טוען זייערע אידיש־קייט מצוות מיט פּשוטער גאַנצקייט, — זיי טראָגן די נשמה, דאָס לעבן, דעם קיום פון פאָלק. ניט די גרויסע געלערנטע, די שרייבער און טוער וואָס קוויינקלען, וואָס ספקן, וואָס זוכן נאָך עפּעס, וואָס ווילן אין לערנען פאַרגעסן זייער בונד מיט ליליתן...

און איך גלויב באמונה שלימה אַז דער יוחנן וואַסער־טרעגער לעבט און איז דאָ אויך אין אַמעריקע. עס לעבט אָט די פּשוטע, אויפריכטיקע האַרציקייט און גרייטקייט צו טאָן, צו טראָגן וואַסער, צו שלאָגן זיך; עס לעבט די בענקעניש נאָך גאַנצער, האַרציקער אידישקייט. אָבער יוחנן וואַסער־טרעגער קאָן אַליין ניט ראַטעווען, ער מוז וואַרטן, ווייטיקן און וואַרטן ווי משיח ביז — ביז דער "אורח־חיים", דער פירער, דער "מרא־דאתרא", וועט אויסגעפינען, וועט קומען צו אים מיט זיינע הייליקע כוונות און וועט אים, דעם פּשוטן יוחנן בעטן, — "קום, פיר אונדז". דו, פּשוטער יוחנן זאָלסט זאָגן מיר, דעם אורח־חיים, וואָס צו טאָן. וואו זיינען זיי אָבער, די אורח־חיימס ? וואו ?

— 8 —

אידישע אינטעליגענץ

פרעגט זיך — און וואו זיינען די פירער פון פאָלק ? וואו איז דער מח פון פאָלק וואָס דאַרף ניט בלויז שפּירן, פילן נאָר אויך מאַכן אויספירן, פאַרמולירן און ווייזן א וועג ? וואו איז די אינטעליגענץ פון אידישן פאָלק ?

איז ווידער א טראַגישע קללה. זי איז דאָ און זי האָט קיין כח ניט עפּעס צו זאָגן, זי ווייס ניט וואָס צו זאָגן. פאַראַן א סך אידישע "אינטעלי־גענצן", פאַראַן א אַמעריקאַנער אינטעליגענץ, וואָס ווייס, מיטן מח ווייס זי, געהערט צו עפּעס א אידישן פאָלק. דער מח ווייס און דאָס האַרץ וויל ניט ווייסן. זי זעט אידן, א סך אידן, אָבער קיין אידיש פאָלק זעט זי ניט. מען קען זען ביימער, ביימער, א סך ביימער און דעם וואַלד ניט באַגרייפן. מען קען אויך זיין א איד, לעבן צווישן אידן, זיין אַרומגערינגלט מיט אידן און קיין אידישן פאָלק ניט זען, ניט ווייסן, ניט באַגרייפן, ניט קענען. אַזאַ אינטעליגענץ — וואָס קען זי ? — זי קען העכסטנס קלייבן נדבות פאַר אידן, אָבער בויען א אידיש פאָלקס לעבן, דאָס קען זי דאָך ניט. פאַרמולירן דעם מהות פון דער פאָלק נשמה, פון דער שכינה פון פאָלק ? פון וואַנען ? ווי אַזוי ? — גייט אָט די אינטעליגענץ אַראָפּ פון קאָן.

איז דאָך פאַראַן אָבער אַן אמתע אידישע אינטעליגענץ, א אינטעלי־גענץ מיט א אידישן האַרץ און מיט א אידישן מח, — וואו איז זי ?

עס האָט נאָך קיינער ניט אָנגעשריבן דעם ראָמאַן פון דער טיפערער אידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע (לייוויקס "דער דיכטער איז בלינד געוואָרן" איז בלויז איין ווינקעלע). אָבער ער איז טראַגישער פון אפּאַטאַשוס "היברו". עטלעכע ציטאַטעס פון אָט דעם ניט געשריבענעם ווערק : "עס עקלט מיך, איך קאַרטשע זיך אין דרייען פון דעם אַלעם, אָבער פאַרפאַלן, אַזוי איז זי, אַמעריקע". "איך וועל באַלד ווידער איינזינקען אין מיין פאַר־געסנקייט און ניט זען און ניט הערן". "פאַרזוכט דעם טעם פון "אונדזער" אַמעריקע. דאָס איז עס, אַזוי לעבן מיר". "מיר שלעפּן אונדזער גאַנץ לעבן צווישן די ציין". "מיר זיינען גזלנים איבער זיך אַליין. מיר מאַכן דורך דעם פּולן וועג פון פּיין און שוועריקייטן." "מיר האָבן איינגעבויגן דעם קאָפּ און נעמען אָן די אומגעלומפּערטקייט". . . "א טיפער טרויער פרעסט דאָס

הארץ און נעמט צו די כחות". "דער פיליסטער נעמט אלץ אין זיינע הענט און צעקוואטשעט עס". איך האָב א געפיל אז מען דאַרף אוועקגיין ערגעץ און שווייגן". "עס איז ניט גוט אויפן הארצן, און עס ווילט זיך ניט מאריך זיין". — אָט איז זי: פארלאָרן, פאַריאושט, דערשלאָגן, זאָגט זי ניט ד אָ ס וואָס זי וויל, און זי זאָגט נ י ט וואָס זי וויל. "ניטאָ קיין מוט צו זאָגן דעם "געפערלעכן" אמת, טרייסטן מיר זיך מיט דעם "בעסערן ליגן". איז די דאָזיקע אינטעליגענץ דערשטיקט צוליב עטלעכע סיבות. און ערשטנס צוליב דעם וואָס זי ווייס ניט וואָס צו וועלן. געקומען קיין אמעריקע מיט די "נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע", א אידייע, וואָס איז לכתחילה געווען ניט אינגאנצן אויסגעבאקן, פרעמד און אנטליען און וואָס האָט אויפן אמעריקאנער באָדן אינגאנצן באנקראָטירט, האָט מען דאָ זי פארלאָרן און קיין אנדערע ניט געשאפן. בענקט מען און מען ווייס ניט נאָך וואָס, איז מען ניט צופרידן מיט דעם וואָס עס איז דאָ און מען קען ניט שאפן קיין געדאנק פון דעם וואָס עס דאַרף זיין. "איז אלץ פארמשפט צו בלייבן אר־טיקלען אין צייטונגען . . . אָבער אפילו די ווי געשרייען וואָס זיינען אמתע און גערעכטע זיינען פארמשפט צו בלייבן נאָר געשרייען. "די הויפט פראגע איז — ווי גייט מען איבער צו מעשים, צו אמתע מעשים, צו אמתע, אמתע". *)

אָט די אינטעליגענץ אונדזערע, די בעסטע, די אידישסטע, איז גע־קומען ניט דירעקט פון דער אידישער טראדיציע, נייערט פון איר אנטיטעזע — פון דער השכלה. מיר האָבן אלע דורכגעמאכט אין זיך די גאנצע השכלה. און זי איז געווען שטארק אין איר נעגאציע. קריטיקירן, צעשטערן, אָפּוואַרפן, זיך "באפרייען" — אויף דעם איז זי א בריה. אלע ווייסן וואָס עס טויג ניט, וואָס מען דאַרף אָפּוואַרפן. צו א אידעאלאָגיע פון א סינטעטישן, פּאָ־זיטיוון אידישן לעבן איז די אינטעליגענץ ניט געקומען. לעבט מען א לעבן פון צעשטויבטע יחידים און ניט פון קיין אידישן קבוץ, לעבט מען מיט די רעשטלעך פון דער געבראכטער אידישקייט, מיט דעם ביסל אידישקייט, וואָס עס איז געבליבן, "וואָס אונדז איז באשערט זיך אויסצולעבן אין איר".

געקומען איינציקווייז פון אונטער א פּאָליציייאישן יאָך, אָפּט קוים מיטן לעבן, האָט מען זיך דאָ פארכלינעט מיט דער פּאָליציייאישער פרייהייט און פּאספּאָרטלאָזיקייט, און אָט פאר דעם טאָפּ לינדזן פון אויסוויינִיקסטער פרייהייט איז מען געווען געקראָכן אלץ מער און מער אין סאָציאלער אָפּהענגי־קייט און אין מאָראליש-קולטורעלער קנעכטשאפט ביים . . . אידישן, קול־טורלאָזן, כלומרשט אמעריקאניזירטן אָלרייטניק, וואָס ער, ניט אמעריקע, איז געוואָרן דער דיקטאטאָר אין אונדזער לעבן. האָט אָט די בעסטע אידי־שע אינטעליגענץ געהאט מוט און כח צו קעמפן קעגן דעם צאר אין רוסלאנד, האָט זי אָבער ניט קיין כח צו באקעמפן אָט דעם הערשער, געביטער. דאָרטן איז געווען א אידעאל, א פּראָגראם, א ריכטונג. דאָ פעלט עס.

אויך אָט די בעסטע אינטעליגענץ אונדזערע, וואָס וויל א אידיש לעבן, האָט נאָך ניט קיין פּראָגראם ווי צו בויען א אידיש לעבן דאָרטן וואו מען לאָזט דערוויל לעבן יעטווידער אידן באזונדער. אויך די אינטעליגענץ פּלאָנטערט זיך נאָך אלץ אין דעם כלומרשטן אמעריקאנער שמעלצטאָפּ און זי מיינט, אז אמעריקאנישקייט מוז אויפעסן די אידישקייט; אויך די אינ־טעליגענץ אונדזערע ציטערט נאָך אלץ, פאר א באזונדערן קולטור-לעבן, דאָס שרעקווארט "געטאָ" איז נאָך אזוי שטארק, אז איר דראנג צו אידיש־קייט איז אטראָפירט, ניט שעפעריש. געפעלט איר, דער אינטעליגענץ אונד־

*) אלע ציטאטעם —פון פריוואטע בריוו.

זערער דאָס לעבן מיט שטיקלעך פון פרעמדן לעבן, מיט האַרטע, אַרויפגע־צוואונגענע נאָרמעס פון "פרייער" אַמעריקע. און זי האָט ניט קיין מוט און כח צו שאַפן אייגענע פאָרמעס און נאָרמעס. "מיר זיינען געקומען פון רוס־לאַנד אין יענע יאָרן און געפונען אַ לאַנד וואו יעטווידער מענטש קען לעבן פאַר זיך לאָזנדיק זיין אידישקייט אין דער היים, טאָ לאָזט אונדז לעבן, כל זמן מען קען נאָך". אונדזער אינטעליגענץ, די בעסערע, האָט אויך ניט קיין אידעאַל פון אַ אידישן לעבן אין אַמעריקע, איז דער ארון קודש אירער אַ ליידיקער, אָן אַ תורה.

לעבט דאָך אין יעטווידערן פון אונדז דער יצר הרע פון אַלרייטיש־קייט און אויך דאָס געוויסן פון קולטור־אידן און קעמפער. קומט פון דאַנען דער מוראַדיקער קאָנפליקט פון יעטווידער בעסערן אידישן אינטעליגענט אין אַמעריקע, וואָס פאַרביטערט יעדערנס לעבן און באַרויבט אים זיין רו.

לעבט דאָך אין אונדז אַלעמען די אידישלעכע גרינשעצונג צו אַלץ וואָס איז אידיש און דער איבערגעטריבענער דרך־ארץ צו אַלץ וואָס ניט אי־דיש. האָבן טראַדיציאָנעלע אידן געוואוסט: זיי גייען אין אַ שליחות, זיי גייען זייער פון אויבן באַשטימטן וועג דורך אַ וואַלד מיט בייזע חיות, שלאַנ־גען און עקדישן, וועלף צוויי פיסיקע. און וואָס שווערער עס איז דער וועג אין בייזן וואַלד, — אַלץ מער נשמה איז פאַראַן אין דעם גאַנג; וואָס פעל־זיקער און שווערער עס איז דער געלעגער פון אַ טייך, אַלץ שטאַרקער און שטורמישער איז דער שטראָם זיינער, אַלץ מער כוח אין זיין גאַנג. — דער מאָדערנער איד אָבער האָט אָנגעוואָרן זיין גלויבן אין אייגענעם פאָלקס "איך", גענומען גלויבן אין פעלקער. אנשטאָט צו זיין גאַנץ מיט זיך, האָט ער זיך גענומען ציען מיטן גוף און נשמה, מיטן לייב און לעבן "צו זיי, צו זיי", צו די אויסגעדאַכטע "מלאכים", און זוכט מיט פאַרדאַרטע ליפּן צו קושן דעם זוים פון זייערע מלאכימשע קליידער און בענקט און גאַרט מיט דער פאַרליבטקייט פון אַ דינסט־מיידל צו איר באַלעבאָס, אָנצוזעטעמען זיך מיט זייער לופט. לויפט ער, דער מאָדערנער איד, פון טיר צו טיר — "וואו וואוינט ער, דער גוטער גוי?" און אומזיסט: עס איז נאָך ניט געווען קיין איין פאָלק וואָס האָט ניט אָפּגענאַרט די פאַרליבטע האָפענונגען. און פון אַלע טירן בריקעט מען אים אוועק. איז אויך די בעסטע אידישע אינטעלי־גענץ אָן גלויבן אין זיך, אין אידישקייט, און אָפּגענאַרט פון פרעמדע גלויבנס, צעבראָכן אָן מוט.

און אַזוי אַרום און אַרום איז ניטאָ אין אַמעריקאַנער אידנטום קיין איין גרופּע, וואָס זאָל קענען און וועלן אָרגאַניזירן אַ אידישן לעבן, אַ לעבע־דיקע אידישקייט: די זיינען אָפענע אַסימילאַנטן און ווילן בעסער זיך לאָזן קוילען איידער זיי זאָלן אָנערקענען, אַז אין אַמעריקע איז דאָ אַ אידיש פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור און שפּראַך. די דערלויבן זיך צו צוגעבן, אַז מען מעג און מען דאַרף העלפן די שטאַם־ברידער און רעליגיע־ברידער, וואָס ליידן ערגעץ וואו אין דער ווייטער וועלט. מען מעג, ווייל אָט אויף דעם איז דאָ אַ הכשר פון ניט אידן אויך.

אַנדערע אָנערקענען בלויז דאָס אַלטע אין אידישקייט. די נייע אי־דישע קולטור איז פאַר זיי טריף. אַזאַ אידישקייט, אָן באַנייאונג, קען ניט לעבן. אַנדערע ווידער ווילן בלויז אַ פאַרזאַמלונג אויף אידיש, אַ פאַרווייליגונג אויף אידיש, אַן אַרטיקל אין ציַיטונג. אידישער שטייגער, אידיש לעבן איז מוקצה מחמת רעליגיע, מוקצה מחמת איזאָלאַציע.

וויל מען זיך פאַרלאָזן אויף דער דעמאָקראַטיע. ס'הייסט אַזוי: אידן דאַרפן ניט אָרגאַניזירן און באַפעסטיקן זיך, פאַר זיך, ווייל דאָס וועט שוין טאָן די דעמאָקראַטיע. און די וואָס זאָגן עס ווייסן זייער גוט, אַז — די דע־

מאקראטיע איז שוואך און ווערט אלץ שוואכער. זיי ווייסן אז דער שוואכסטער ארט אין דער דעמאקראטיע, דער גרינגסטער אנגרייף־פונקט זיינען די אידן, זיי ווייסן אז מיט דער אידישער ניט ארגאניזירטקייט שטעלט מען אין סכנה די גאנצע דעמאקראטיע. זיי ווייסן, אז די גאנצע רייד וועגן דעם דעמאקראטישן פראנט זיינען רייד, רייד און רייד, כל זמן די אידן וועלן ניט ארגאניזירן א פעסטן עקאנאמישן און סאציאלן קולטורעלן כוח, וואס וועט שוין במילא אויך זיין א פאליטישער. זיי ווייסן דאס. זיי ווייסן, אז די גאנצע רייד וועגן דעם דעמאקראטישן פראנט איז בלויז א פארענטפערונג פאר זיך אליין פאר דעם ניט וועלן קיין אידישן פראנט. און דאס וויל מען ניט ווייל מען וויל ניט קיין אידישקייט. גאר פשוט.

און אט די ווערטער קומט אויס איבערצוחזרן א זעכציק יאר נאך דר. לעאן פינסקערן, נאך אלע חלומות, קומט אויס צו זאגן צו אידישע שרייבער און צו קולטור טוער. ווייל מען וויל ניט זיין אויסגעהאלטן גאנצע אידן, און מען קען זיך ניט אסימילירן ענדגילטיק, וויל מען א "ניט־איזאלאציע". ווי ביי א באנקראטירטער פירמע אומגעביטן דעם נאמען. איך האב געזען יונגעלייט, וואס פרעדיקן "ניט־איזאלאציע", צוליב דעם פרינציפ לייענען זיי ניט קיין אידיש ווארט (כאטש זיין קאנען!), זיי קומען ניט אויף א אידישער אונטערנעמונג, און פרנסה מוזן זיי נעבעד זוכן בלויז צווישן אידן.

אידן ווילן זיין ניט איזאלירט קולטורעל אבער איזאלירט מען זיך פון אידן לשם ניט־איזאלאציע פון ניט אידן. פאקטיש — די זעלביקע אסימילאציע און מער גארניט. פילט מען טיף אין הארצן מיט דעם גאנצן אונטערבאוואוסטזיין דעם באנקראט פון דער אידייע. פארשפילט מען דאס געפיל מיט פריידיקע נייעס אלע טאג, אז "די וועלט איז נאך ניט גאר אזוי שלעכט. עס זיינען נאך דא גוטע ניט־אידן אויך". געווים ! אבער ניט מיט דעם קען דאך א פאלק לעבן ! — אט דא ליגן אלע הינט באגראבן : אידן ווילן ניט זיין קיין אידיש פאלק. אויב יא, איז דאס לטובת אויסלענדישע אידן און דאס, אויף וויפל מען קען קריגן דערצו א הסכמה פון א גרויסן גוי. עס הייסט עלעהיי ניט די אידן טוען עס. די פרייע אידן אין פרייען אמעריקע זוכן תמיד אז פאר אידישע אינטערעסן זאל ריידן בעסער א ניט־איד. "פאר דער זאך איז געזינטער, אז די אידן זאלן שווייגן". . . כ'ווייס ניט, נאר מיר דאכט זיך, אז די אידישע געזעלשאפטלעכקייט אין צארישן רוסלאנד האט זיך ניט אזוי באהאלטן הינטער יענעמס פלייצעס, ווי די אמעריקאנער. דערמאנט עס מיר אחד העמס אן אויסדרוק. איך וועל אים אבער דא ניט אנרופן, כדי ניט צו שיטן קיין זאלץ ניט זיך ניט אנדערע.

אין די אידישע אינטעליגענץ אויך אן א גלויבן, ניט אין זיך און ניט אין קיינעם. פילט זי ווי עס וויינט אין איר די נשמה, שפירט זי, ווי זי זינקט אין דער ניט־אהער און ניט־אהין פארגליווערטקייט, — און קיין כח זיך אליין, די אייגענע נשמה צו ראטעווען איז ניטא.

פילט זי, די אידישע אינטעליגענץ ווי א דור, א גאנץ פאלק זינקט אין כלומרשט־אמעריקאנישער קולטורלאזיקייט, זעט זי די וואלקנס פון געטעמפקייט און קיי־גאם־מעלה־גרה פארדעקן אלע הימלען, הערט זי דעם גערויש פון אויסגעלאסענער פלאכקייט, וואס שטראמט אלץ העכער, הערט זי, זעט זי, פילט זי, און ווייטיקט, און העלפן קען זי ניט, ווייל קיין גלויבן האט זי ניט.

סך הכלען און אויספירן

א) אידן אין אמעריקע ווערן עקאָנאָמיש מיט יעטווידער דור שוואכער
ב) סאָציאַל ווערן אידן צעשטויבט, ווייניקער אָרגאַניזירט.
ג) קולטורעל פארלירן זיי די אייגענע קולטור. קיין ערנסטע אמערי-קאנער נעמען זיי ניט איבער, באקומט זיך א דעגראדאציע צו גאסיקער פסיי-דא־קולטור.

ד) דער אנטיסעמיטיזם צוזאמען מיט דער אלגעמיינער רעאקציע שטארקט זיך און ווערט אלץ אָפענער און פרייער. אידיש לעבן איז אלץ מער און מער — קאמף. קאמף פארלאנגט אָרגאניזירטקייט און מאָראלישע צוזעגרייטקייט, וואס איז ניט מעגלעך אָן קולטור, אן א אייגענער דערציאונג, אָן א אידישער דערציאונגס סיסטעם פון קינדערגארטן ביז אוניווערסיטעט. די דעמאָקראטיע ווערט ווי אומעטום שוואכער און אויסגעליידיקט פון אירע פּאָליטישע מאָראליש דעמאָקראטישע פּרינציפּן. פארלאָזן זיך אויף איר יושר — קען מען ניט : אָדער זי קען ניט, אָדער זי וויל ניט, אָדער ביידע צוזאמען.

ה) די אינטימערע אסימילאציע־טענדענצן גארן צו פארבלענדן דאס אמתע בילד פון לעבן און ריידן אָן אלערליי טרייסט־ווערטער.

ו) ביי דער גאנצער גרויסער מאטעריעלער און מאָראלישער הילף, וואס אידן פון דער וועלט פארלאנגען פון אמעריקאנער אידן, ווערט לגמרי ניט געזארגט פאר דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער פעסטקייט פון אידישן קיבוץ אויף ווייטערדיקע דורות און פאר דעם נאציאנאל־קולטורעלן באוואוסטזיין זיינעם. און אָן די יסודות וועט דאס אמעריקאנער אידנטום ניט נאָר אנדערע קיבוצים, נאָר אויך זיך ניט קענען העלפן.

ז) ניט געקוקט אויף דעם וואס מען וויל דאס פארלייקענען איז פאַ-ראַן ביי די באוואוסטזיניקערע אידן א קלאָרער געפיל פון דעם ביטערן אמת, פון דאנען אָן אינוועניקסטער אומעט, אָפּט א יאוש, פון דאנען א שטרעבונג זיך פריילעך צו מאכן כדי זיך צו פארגעסן.

ח) אָן דעם אמעריקאנער אידנטום האָט דאס גאנצע אידישע פאָלק אומעטום ניט קיין כוח צו לעבן און שאפן. דאס אמעריקאנער אידנטום איז איצט דער העגעמאָנישער קיבוץ און אין זיין קולטורעל־מאראלישער שטאר-קייט איז די שטארקייט פון גאנצן פאָלק, אין זיין שוואכקייט — דעם גאנצן פאָלקס שוואכקייט.

ט) און זאָל קלאָר געזאָגט ווערן : די גרעסטע סכנה איז ניט די אסימילאציע. גרעסער איז די סכנה פון ניט קענען זיך אסימילירן און אויך ניט קאָנען לעבן קיין אָרגאנישן קולטור לעבן. איז די שיף פון אידנטום פאר-טראָגן געוואָרן אין א פארגליווערטן "לעבער־ים". ניט מען דערטרינקט זיך דאָ, ניט מען קען ארויספאָרן.

י) בלויז א גרויסע באוועגונג פאר אן אייגענער סאָציאַל־קולטורעלער איינאָרדענונג פון אידישן לעבן אין אמעריקע גופא קען ראטעווען דאס אמע-ריקאנער אידנטום פון שווערע נסיונות פון סאָציאַל־פּאָליטישן כאראקטער און פון קולטור־מאראלישער דעגראדאציע.

יא) די קולטור דארף ניט באשטיין פון פארזאמלונגען בלויז, פון ארטיקלען און רעדעס. נייין מען דארף אָנהויבן צו בויען א קולטורעלן לעבן. מען דארף פּראָדוקטיוויזירן אויף א קאָלעקטיוון יסוד די אידישע יוגנט, מען

דארף אריינטראָגן אין לעבן א אידישקייט פון "מען מוז" און "מען טאָר נים". מען דארף אָרגאניזירן אידישע היימען. מען דארף דער יוגנט געבן אידישע אידעאַלן. מען דארף און מען דארף. מיט איין וואָרט: מען דארף בויען א אידישן פאָלקס־לעבן אין אמעריקע.

און דער סך־הכל פון אלע סך הכלען איז אז:

יב) אָז א סאָציאַל־קולטורעלער אָרגאניזירטקייט פון אידישן כלל, וועט אויך דער אידישער יחיד קיינמאָל נים זיין זיכער מיט זיין עקאָנאָמישן און פיזישן קיום. אין אמעריקע ווי אנדערשוואו אומעטום. דעמאָקראַטיע, אָרנטלעכקייט, וועלט־יושר — זיינען גרויסע הייליקע באגריפן, אָבער ווען? — בשעת מען בויט זיי, ווען מען שטיצט זיי אָרגאניזירטערהייט.

יג) און אָט דאָ ליגט דער זינען, די ראָלע פון דער אידישער קולטור. אָז איר איז דער אידישער קיבוץ אין אמעריקע ווי א גרויסער גוף אָן א נשמה, אָן אינוועניקסטע לעבנס אימפולסן, אָן מאָראַלישע כחות צו קעמפן און אויסצוהאלטן א קאמף, אָן אייגענער מוט, אָן איניציאטיוו. — א גרויסער געליימטער גוף, וואָס קען אפילו קיין זלידנע פליג פון זיך נים אָפּטרייבן. אָן א טיפער און ברייטער קולטור, וואָס זאָל דורכנעמען דאָס לעבן אָט ווי די רעליגיע פריער, איז ניטאָ און עס קאָן נים זיין קיין אידיש לעבן. און אז עס איז ניטאָ קיין אידיש לעבן, וועט אויך נים מעגלעך זיין קיין לעבן פון אידן אין אמעריקע. דער גורל פון די פינף מיליאָן אידן אין אמעריקע און מיט זיי דער גורל פון גאנצן אידישן פאָלק אומעטום הענגט אָפּ נים פון גוטע פרעזידענטן, מיניסטאָרן, גוטע, פרומע, גרויסע לייט, נייערט פון אידישער קולטור. אין איר — די וויטאַליסטישע כוחות פון אידן צו לעבן, צו קעמפן, צו בויען א לעבן, אויסצושטיין און בייצושטיין אלע שוועריקייטן, בייצוקומען אלע צרות, צו לעבן און ווייטער צו לעבן.

"ביי א געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזינטער" — ביי א געזונטער קולטור — איז איך דאָס לעבן בעסער, געזינטער.

און פאַלש און פאַרפירעריש־נאַריש איז צו גלויבן, אז קולטור מיינט א פאַרזאַמלונג, א רעדע, א קבלת־פנים, א יאָרצייט, א יובל. ניין. קולטור איז דער גאנצער איינשטעל פון גאנצן לעבן פון דער פרי ביז ביינאכט, אין שטוב, אין דער היים, מיט די אייגענע קינדער, מיט זיך אליין. קולטור איז שטייגער, קולטור איז דער אויסזען פון גאנצן לעבן. און דער פּרינציפּ פון קולטור איז — נים "יפיפיתו של יפת באהלי שם", נים פרעמדע שיינקייט אריינברענגען אין אונדזערע געצעלטן, נאָר דאָס פאַרקערטע — זוכן און אָפּקלייבן תמיד דאָס אייגענע, דאָס ספּעציפישע, דאָס וואָס שיידט אונדז אָפּ און מאכט בולט אונדזער אנדערשקייט, אונדזער אייגנטימלעכקייט, אונדזער "איך" אין אלע עלעמענטן פון לעבן און דענקען. דער פּרינציפּ פון קולטור איז אָפּהיטן און ווייטער ציען דאָס, וואָס איז אין משך פון דורות אויסגעוואקסן אין קאָלעקטיוון לעבן, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם קאָלעקטיוון גייסט.

—— 10 ——

נאָר נים פּעסימיזם

ווי ווייט מיר זיינען פון דעם אומעטום! אָבער דאָך נים קיין פּעסימיזם! פּעסימיזם הייסט אראָפּגעלאָזן די הענט אָן מוט. צו דער מדרגה דערגייען מענטשן נים פון צרות. נים פיזישע און נים מאָראַלישע צרות קענען נים דערפירן קיין מענטשן צו פּעסימיזם. פּעסימיזם איז דאָרטן וואו עס איז ניטאָ קיין גלויבן; גלויבן דארף מען און אַל דאָס איבעריקע וועט שוין קומען. און איך גלויב. ווי א פרומער איד אין זיין, גלויב איך אין מיין אידישקייט.

איך גלויב, אז ערגעץ ווייט און טיף אונטער די חורבות פון פרעמדע געטער, פרעמדע אידייעס, פרעמדע נאכמאד־קולטורן ליגט אין אידישע נשמות און טליעט א פונק פון אייגענער ארגאנישער אידישער ספעציפישקייט, א פונק פון אידישן גלויבן אין זיך און א שטרעבונג צו זיך. איך גלויב, אז ער לעבט אט דער משיח פון מאראלישער אויסלייזונג, פון באפרייאונג פון מאראלישער קנעכטשאפט און מאראלישער צוגעבונדנקייט. און אט די מאראלישע גאולה — זי איז די אמתע גאולה, דער יסוד פון אלע גאולות. מען דארף בלויז אים ברענגען אט דעם גלויבן, ברענגען צום אידישן באוואוסטזיין, מען דארף דעם פאטענצעלן כוח פון שלאפנדיקן גלויבן־קערנדל מאכן אקטיוו, קינעטיש אין לעבן. און דא ליגט די הייליקע אויפגאבע פון דער אידישער ליטעראטור און קולטור, פון דער אידישער דערציאונג און פון דער אידישער אינטעליגענץ בכלל.

האט עס שוין אייגנטלעך געפרובירט טאן ביאליק. האט ער אבער אויסקוקנדיק צו די גרויסע, לאנג שוין טויטע און פארשטיינערטע "מתי־מדבר" פארזען און ניט באמערקט די קליינע אבער לעבעדיקע פונקען פון די למד וואווניקעס. האט עס געפרואווט טאן פרץ, איז ער צוליב אונדזערע זינד צו פרי געשטארבן און אין לעבן ווארט און ווארט די שטומע נשמה פון די יוחנן וואסערטרעגערס, ביז דער אורח חיים זאל זיי באמערקן און ראטעווען די וועלט פון צביעות פון פאלשע תורות פון ציען זיך אהער און אהין — צו ליליתן און צו דער תורה.

איז דאס געבליבן נאך ווייטער די אויפגאבע פון דער אידישער ליטעראטור אויב זי וויל ניט פארדארט ווערן אן ווארצלען און אן קנאספן. איז דאס געבליבן די אויפגאבע פון דער אידישער דערציאונג, אויב זי וויל ניט אויסגיין ווי א בעטלער ביי פרעמדע טירן.

איז דאס נאך ווייטער און ווייטער די אויפגאבע פון דער אידישער אינטעליגענץ, אויב זי וויל ניט שטארבן ווי באנקראטירטע אפרנארער אן א יורש און אן המשך.

ווייל מען ראטעווען דעם גוף, טראכט מען וועגן ראטעווען, מוז מען קודם כל זארגן פאר דער נשמה, פאר דער נשמה פון פאלק. און די נשמה פון פאלק איז אין זיין גלויבן אין זיך. און אז די נשמה וועט זיין געראטעוועט, וועט זיך שוין דאס פאלק אליין ראטעווען.

חול המועד פסח, ת"ש, 1940.